STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03631

# YIDISHE GESHIKHTE

Israel M. Goodelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידישע געשיכטע

## העפטן

פאַרן דריטן לערן־יאָר
פון יידישער געשיכטע

פון

י. מ. גודלמאַן

●

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות״
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

# YIDDISHE GESHICHTE
## Heft III

ערשטע אויפלאַגע, סעפטעמבער, 1945
צווייטע אויפלאַגע, אָקטאָבער, 1945
דריטע אויפלאַגע, יאַנואַר 1950
פערטע אויפלאַגע, מאַי, 1954
פינפטע אויפלאַגע, אָקטאָבער, 1958
זעקסטע אויפלאַגע, אויגוסט, 1965

Copyright, 1945
by
FARLAG MATONES
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

OGILVIE PRESS, INC., BROOKLYN 17, N. Y.

1

# נאָך גירוש שפּאַניע

אַ גרויסע טייל פון די אַרויסגעטריבענע יידן פון שפּאַניע איז אַוועק אין די נאָענטע שטעט פון פּאָרטוגאַל. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין איטאַליע, קיין טערקיי, קיין מאַראָקאָ און אין אַנדערע לענדער.

אין פּאָרטוגאַל האָט מען די יידן דערלויבט צו פאַרבלייבן נאָר אַ קורצע צייט: דערנאָך האָט מען זיי אויך פון דאָרט אַנ־געהויבן טרייבן. בלויז די, וואָס האָבן זיך געשמדט, האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן. מען האָט אַוועקגעריסן קליינע קינדער פון זייערע עלטערן און זיי מיט געוואַלט אָפּגעשמדט. אַזוי זיינען אויך אין פּאָרטוגאַל אויפגעקומען אנוסים, וואָס האָבן נאָר לפּנים אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. די איבעריקע יידן האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט זוכן אַ נייע היים פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס.

אַ סך יידן זיינען אָנגעקומען קיין איטאַליע. מיט זיי איז אָנגעקומען דער געוועזענער פינאַנץ מיניסטער פון שפּאַניע, דאָן יצחק אברבנאל. דער שפּאַנישער קעניג, פערדינאַנד, האָט געוואָלט, אַז דאָן יצחק זאָל פאַרבלייבן אין שפּאַניע, אָבער דער יידישער מיניסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. ער האָט אויסגעקליבן בעסער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט זיינע אומגליקלעכע ברידער.

אַ גרויסע צאָל יידן האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין צפון אפריקע און קיין מצרים. אַ סך פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן אויפן וועג פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן. אַ סך זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ים־רויבער און זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן.

די שרעקלעכע צרות, וואָס די פאַרטריבענע האָבן איבערגע־טראָגן, האָבן דערוועקט אין זיי אַ האָפענונג אויף משיחן. די פאַר־

# יידישע געשיכטע העפטן

טריבענע האָבן געגלייבט, אַז גאָט וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק און וועט שיקן זיין אויסלייזער, וואָס וועט ברענגען אַ סוף צו די צרות. ער וועט אויסלייזן די יידן פון גלות און וועט זיי צוריקברענגען קיין ארץ ישראל.

און עס האָט זיך טאַקע באַוויזן אין איטאַליע אַ מאַן, דוד ראובני, וואָס האָט דערציילט, אַז ער קומט פון אַ ווייטן לאַנד, וואו זיין ברודער איז קעניג. דוד ראובני האָט געפּרואווט פאַראינטערעסירן דעם רוימישן פּויפּסט, אַז ער זאָל אים העלפן מיט געווער צו קענען אַרויסטרעטן אין מלחמה קעגן די טערקן און אָפּנעמען ביי זיי דאָס הייליקע לאַנד, ארץ ישראל.

אין אָנהייב איז דער פּויפּסט געווען גענייגט צו העלפן ראובנין. ער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. דוד ראובני איז אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן פון רוים אויף אַ ווייס פערד מיט אַ וואַך פון יידן און קריסטן. זעענדיק דעם גרויסן כבוד, וואָס דוד ראובני קריגט, האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז ער איז באמת משיח. דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האָט אים אויך אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט. די אנוסים אין פּאָרטוגאַל האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז דוד ראובנין איז טאַקע באַשערט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק.

איינער פון די אנוסים איז אַזוי שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דוד ראובנין, אַז ער האָט זיך עפנטלעך צוריקגעקערט צום יידישן גלויבן און האָט אָנגענומען דעם יידישן נאָמען — שלמה מולכו. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן די נייעס, אַז משיח איז געקומען.

דער סוף איז געווען, אַז ביידע, דוד ראובני און שלמה מולכו, זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע. דוד ראובני איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה, וואו ער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן. שלמה מולכון האָט די אינקוויזיציע געגעבן אויסצוקלייבן זיך צוריקצוקערן צום קריסטלעכן גלויבן, אָדער פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט. שלמה מולכו האָט געענטפערט, אַז אים איז ליבער צו שטאַרבן אַ ייד, איידער צו בלייבן לעבן אַ קריסט. ער איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע.



מנשה בן ישראל

(1657—1604)

2

# ייִדן אין טערקײַ

אַ טייל פֿון די אַרויסגעטריבענע ייִדן פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זײַנען אָנגעקומען קיין טערקײַ. דאָרטן האָבן זיך אויך געראַטעוועט פֿון דער אינקוויזיציע אַ סך אַנוסים. דער טערקישער סולטאַן האָט זייער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען די ייִדן. די אַנוסים האָבן זיך דאָ אומגעקערט צום ייִדישן גלויבן.

די ייִדישע קהילות זײַנען זיך ברייט צעוואַקסן. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַליין זײַנען געווען דרײַסיק טויזנט ייִדן.

איינער פֿון די אָנגעקומענע אַנוסים איז געווען יוסף נשיא. ער איז שטאַרק באַליבט געוואָרן בײַם סולטאַן סעלים דעם צווייטן און האָט פֿון אים באַקומען דעם טיטל „הערצאָג פֿון נאַקסאָס״.

יוסף נשיא האָט אויסגענוצט זײַן אײַנפֿלוס בײַם סולטאַן צו העלפֿן זײַנע געפּלאָגטע ברידער אין אַנדערע לענדער.

ארץ ישראל האָט דעמאָלט אויך געהערט צו טערקײַ און אַהין זײַנען אויך אָנגעקומען אַ סך ייִדן פֿון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און אַנדערע לענדער.

די שטאָט צפֿת איז געוואָרן אַ גרויסער ייִדישער צענטער מיט אַ סך שולן און ישיבֿות. דאָרט האָט געלעבט דער גרויסער ייִדישער געלערנטער רבי יוסף קאָרו. ער האָט פֿאַרפֿאַסט דאָס געזעץ־בוך „שולחן ערוך״, וואָס איז אַ זאַמלונג פֿון אַלע דינים און מנהגים. דער שולחן ערוך איז ביז הײַנטיקן טאָג פֿאַרבליבן בײַ ייִדן דער וועגווײַזער אין ייִדישן רעליגיעזן לעבן.

אין צפֿת האָט אויך אויפֿגעבליט די מיסטישע לערע וועגן גאָט און משיחן. די לערע הייסט קבלה. דאָס הייליקע בוך פֿון די בעלי־הקבלה (קאַבאַליסטן) איז דער זוהר.

## 3

## יידן אין האָלאַנד

האָלאַנד איז געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו יידן האָבן צום סוף פון 16־טן יאָרהונדערט געפונען אַ רואיק ווינקל. דאָס לאַנד האָט זיך אַרום יענער צייט באַפרייט פון דער שפּאַנישער הערשאַפט און האָט ברייט אויפגעעפנט אירע טויערן פאַר די פאַרפאָלגטע יידן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. דאָ זיינען זיי געווען פריי פון פאַרפאָלגונגען, און האָבן געקענט פריי אָפּהיטן דעם יידישן גלויבן.

אין דער שטאָט אַמסטערדאַם איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע יידישע קהילה. צו דער קהילה האָבן געהערט אַ סך געלערנטע, דאָקטוירים און וויסנשאַפטסלייט. אין שפּיץ פון דער קהילה זיינען געשטאַנען רבנים אָדער „חכמים”. די קהילה האָט געהאַט אייגענע שולן, אַ העברעאישע דרוקעריי און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס. אַמסטערדאַם איז געוואָרן ווי אַ צווייטע ירושלים.

די קהילה אין אַמסטערדאַם איז באַשטאַנען פון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יידן. זיי האָבן זיך גערופן ספרדים. (ספרד מיינט אין העברעאיש — שפּאַניע). מיט דער צייט האָבן זיך אין האָלאַנד באַזעצט אויך יידן פון דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך גערופן אשכנזים. (אשכנז מיינט אין העברעאיש — דייטשלאַנד). די אשכנזים האָבן געגרינדעט אַ באַזונדערע קהילה אין אַמסטערדאַם. שפּעטער האָבן זיך אין האָלאַנד אויך באַזעצט אַ סך יידן פון פּוילן.

## 4

## מנשה בן ישראל

איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין אַמסטערדאַם איז געווען מנשה בן ישראל. ער איז געווען אַ זון פון אַ מאַראַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פּאָרטוגאַל און איז נאָך לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען קיין אַמסטערדאַם.

מנשה בן ישראל איז נאָך גאַנץ יונגערהייט געוואָרן רב אין

אמסטערדאם. ער איז געווען א גרויסער קענער פון שפראכן און האט א סך געשריבן איבער רעליגיע און פילאזאפיע.

אבער מער פון אלץ איז מנשה בן ישראל באוואוסט געווארן מיט דעם, וואס ער האט אויסגעווירקט ביים ענגלישן פרעמיער, קראמוועל, א דערלויבעניש, אז יידן זאלן זיך ווידער קענען באזעצן אין ענגלאנד, פון וואנען מען האט זיי ארויסגעטריבן נאך אין די צייטן פון די קרייצצוגן.

אין 17-טן יארהונדערט האבן אין ענגלאנד געהערשט די פוריטאנער. זיי האבן שטארק געהאלטן פון דער ביבל. זייער רעליגיע איז געווען באגרינדעט אויף די אידעאלן פון די יידישע נביאים און דאס האט זיי זייער דערנענטערט צום יידישן פאלק.

קראמוועל, דער פירער פון די פוריטאנער, האט אויך איינגעזען, אז יידן וואלטן געווען ניצלעך פארן לאנד. ער האט געוואלט, אז אין ענגלאנד זאלן זיך באזעצן רייכע יידישע סוחרים פון האלאנד, וואס האבן געפירט האנדל מיט אמעריקע.

דערפאר האט קראמוועל זייער פריינדלעך אויפגענומען מנשה בן ישראל, ווען ער איז אנגעקומען קיין ענגלאנד. מנשה בן ישראל האט איבערגעגעבן קראמוועלן א פעטיציע צו דערלויבן יידן צו וואוינען אין ענגלאנד און צו האבן פולע רעליגיעזע און בירגערלעכע פרייהייט. קראמוועל האט די פעטיציע איבערגעגעבן צו א ספעציעלער „נאציאנאלער קאנפערענץ". די ענגלישע סוחרים און גלחים האבן אבער אויפגעהויבן א שטארקן פראטעסט קעגן אריינלאזן יידן. מנשה בן ישראל האט זיך צוריקגעקערט קיין האלאנד. אין א קורצער צייט ארום, אין יאר 1657, איז ער געשטארבן.

זיין ארבעט איז אבער ניט געווען אומזיסט. אין א פאר יאר ארום נאך זיין טויט האט קראמוועל ארויסגעגעבן די דערלויבעניש און יידן האבן ווידער זיך אנגעהויבן צו באזעצן אין ענגלאנד.

## 5

## ברוך שפינאזא

אין אמסטערדאם האט געלעבט אין 17-טן יארהונדערט דער גרויסער דענקער ברוך שפינאזא. ער האט געשטאמט פון א מאראנישער פאמיליע, וואס איז אנטלאפן פון שפאניע קיין האלאנד.

# יידישע געשיכטע העפטן

ער איז געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1632. זיין פאָטער איז געווען דער פירער פון דער אַמסטערדאַמער קהילה און האָט געגעבן זיין זון אַ גוטע יידישע דערציאונג. דער יונגער ברוך האָט געלערנט אין דער ישיבה, וואָס איז געפירט געוואָרן פון מנשה בן ישראל און פון אַנדערע רבנים.

ווען שפינאָזאַ האָט פאַרענדיקט דאָס לערנען אין ישיבה, האָט ער זיך גענומען לערנען מאַטעמאַטיק, כעמיע און אַסטראָנאָמיע. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו פילאָזאָפיע. דאָס האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זיין בליק אויף דער יידישער רעליגיע. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, אַז די תורה האָבן די יידן ניט געקראָגן פון גאָט, נאָר מענטשן האָבן זי געשריבן. ווי אַ מענטשלעך ווערק האָט די תורה מעלות און חסרונות. שפינאָזאַ האָט אין זיינע ווערק אויך אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן קעגן דער גרויסער צאָל געזעצן, מיט וועלכע די רבנים האָבן אַרומגעצוימט די יידישע רעליגיע. ער האָט אויפגעהערט צו גיין אין שול דאַווענען און האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון דער יידישער קהילה.

די רבנים האָבן מיט שרעק דערזען, ווי שפינאָזאַ טרעט אַרויס קעגן דער רעליגיע, צוליב וועלכער זיי און זייערע עלטערן האָבן אַזוי פיל געליטן. זיי האָבן געפּרואווט ווירקן אויף שפינאָזאַן, אַז ער זאָל ניט איבעררייסן זיינע באַציאונגען מיט דער קהילה. זיי האָבן אים פאָרגעלייגט אַ יערלעכע פּענסיע, אַז ער זאָל אויפהערן שרייבן זיינע ביכער. אָבער שפינאָזאַ האָט דעם פאָרשלאָג נישט אָנגענומען.

די רבנים האָבן אים ענדלעך אַריינגעלייגט אין חרם. זיי האָבן באַפוילן, אַז קיין ייד טאָר ניט קומען אין זיין געזעלשאַפט, טאָר ניט האָבן מיט אים קיין באַציאונגען, טאָר זיך ניט געפינען מיט אים אונטער איין דאַך און טאָר ניט לייענען זיינע ווערק.

פון דעמאָלט אָן האָט שפינאָזאַ געוואוינט אין פאַרשיידענע ערטער אין האָלאַנד און האָט געפירט אַ שטיל לעבן. ער האָט זיך אויסגעלערנט שלייפן גלעזלעך פאַר ברילן און מיקראָסקאָפּן. פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער געלעבט אין אָרעמקייט. דער דינער שטויב פון דעם גלאָז האָט שלעכט געווירקט אויף זיינע לונגען און ער איז פריצייטיק געשטאָרבן.

אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר האָט שפינאָזאַ געשאַפן גרויסע

פילאזאפישע ווערק. אין זיי האט שפינאזא אונדז געלערנט, אז גאט געפינט זיך אומעטום; און אז דער מענטש איז א טייל פון גאט און מע מוז דעם מענטשן דערפאר באהאנדלען גוט.

שפינאזאס ווערק וועלן אייביק פארנעמען א וויכטיקן פלאץ צווישן די שאפונגען פון גרויסע דענקער.

## 6

## יידן אין פוילן

איבער די פארפאלגונגען אין אנדערע לענדער פון אייראפע האבן די יידן אנגעהויבן זיך צו באזעצן אין פוילן. זייער צאל האט זיך נאך מער פארמערט, ווען דארט האט געקיניגט קאזימיר דער גרויסער (אין 14טן יארהונדערט).

די ערשטע פוילישע קעניגן האבן זיך גוט באצויגן צו יידן. דער קעניג קאזימיר האט געגעבן יידן דאס רעכט צו וואוינען אין אלע שטעט און דערפער פון פוילן, און צו קויפן לאנד. ער האט זיי אויך דערלויבט צו האבן זייערע אייגענע גער‌יכטן, וואו זיי האבן זיך געמשפט לויט די יידישע געזעצן.

עס ווערט דערציילט, אז קאזימיר האט זיך פארליבט אין א שיין יידיש מיידל, אסתרקע. ער האט זי באזעצט אין זיין קעניג־לעכן פאלאץ. צוליב איר האט דער קעניג געשאפן די גוטע געזעצן פאר די פוילישע יידן.

קיין פוילן זיינען אנגעקומען א סך יידישע געלערנטע פון דייטשלאנד, עסטרייך און פון אנדערע לענדער. די יידן האבן געבראכט דעם לאנד א סך נוצן. זיי האבן זיך פארנומען מיט ארבעט און האנדל, דורך זיי איז דאס לאנד געווארן רייך.

אבער אויך אין פוילן האבן די קאטוילישע גלחים גענומען העצן דאס פאלק קעגן יידן. זיי האבן אויסגעטראכט אויף יידן פארשיידענע פאלשע באשולדיקונגען. זיי האבן באשולדיקט יידן, אז זיי נוצן קריסטלעך בלוט אויף פסח (עלילת דם). קריסטלעכע קינדער האט מען געלערנט פיינט צו האבן יידן און זייער גלויבן. אין אייניקע שטעט האבן די גלחים ארגאניזירט אנפאלן אויף יידן.

די פוילישע קעניגן האבן געוואוסט, אז יידן זיינען ניצלעך

## יידישע געשיכטע העפטן

פארן לאנד און זיי האבן אפט פארטיידיקט די יידן קעגן די אנפאלן און קעגן די פאלשע באשולדיקונגען. אין 17־טן יארהונדערט האבן די פוילישע יידן צוריקגעוואונען פולע פרייהייט.

אין פוילן האט זיך געשאפן א גרויסער יידישער צענטער. די יידישע קהילות זיינען געווען גוט ארגאניזירט. זיי פלעגן אויס־קלייבן עלטסטע, וואס האבן איינגעמאנט די שטייערן פאר דער רעגירונג. יעדער יאר זיינען פארגעקומען צוזאמענפארן פון פאר־שטייער פון די קהילות. אויף די צוזאמענפארן האבן די פארשטייער פארהאנדלט פראגעס פון יידישן לעבן און האבן געשאפן געזעצן פאר די קהילות. די צוזאמענפארן האט מען גערופן „וועדים" — (וואאדים) קאנגרעסן. דער פוילישער קאנגרעס האט געהייסן „וועד ארבע ארצות" — דער קאנגרעס פון פיר לענדער — די פיר טיילן, פון וועלכע פוילן איז באשטאנען.

די וועדים האבן זיך אויך א סך אפגעגעבן מיט דערציאונג פון יידישע קינדער. עס זיינען געעפנט געווארן חדרים און ישיבות, וואו יידישע קינדער האבן געלערנט תורה און תלמוד.

אין קיין לאנד האט מען ניט געלערנט אזוי פיל תורה און תלמוד ווי אין פוילן. ארעמע יינגלעך האט מען אויסגעהאלטן מיט געלט, כדי זיי זאלן קענען לערנען אין די ישיבות. דער עלטסטער פון דער ישיבה (ראש ישיבה) פלעגט יעדן טאג ארומ־שיקן זיין שמש אכטונג צו געבן אויפן לערנען אין די חדרים. אלע דאנערשטיק האט מען די קינדער אויסגעפרעגט דאס, וואס זיי האבן געלערנט די גאנצע וואך. קינדער האבן געלערנט פלייסיק און דאס גאנצע לאנד איז געווען פול מיט תורה.

7

## כמעלניצקים שחיטות

### (גזירת ת"ח ות"ט)

אין מיטן פון 17־טן יארהונדערט איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג צום ערגערן אין לעבן פון די פוילישע יידן. אין אוקראינע, וואס האט דעמאלט געהערט צו פוילן, האבן געלעבט קאזאקן

און פויערים. זייער רעליגיע איז געווען די פראוואסלאווגע (גריכיש-ארטאדאקסישע). די פוילישע באפעלקערונג האט געהאלטן די קאטוילישע רעליגיע. די פוילישע פריצים האבן שטארק געדריקט די קאזאקן און פויערים פון אוקראינע מיט שווערע שטייערן און האבן אויך געשטערט זיי אין זייער רעליגיעזן לעבן.

אין יאר 1645 האבן די קאזאקן געמאכט אן אויפשטאנד קעגן די פריצים. דער אנפירער פון דעם אויפשטאנד איז געווען באגדאן כמעלניצקי. ער האט צונויפגעקליבן א גרויסע מאסע קאזאקן און פויערים און האט זיך מיט זיי אוועקגעלאזט איבער די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, וואו עס האבן געלעבט א סך יידן. ווי ווילדע חיות זיינען כמעלניצקים באנדעס באפאלן די יידישע קהילות און האבן געהרגעט אן רחמנות גרויס און קליין.

די קאזאקן האבן ארויסגעשלעפט פון די יידישע שולן ספר-תורהס, אויסגעלייגט אויף זיי יידן און זיי געקוילעט. טויזנטער יידישע קינדער האבן די קאזאקן ארייגעווארפן אין ברונעמער און אין גריבער און פארשאטן לעבעדיקערהייט.

מער פון אלע האבן געליטן די יידן פון די שטעט נעמיראוו און טולטשין. דארט זיינען פארגעקומען שרעקלעכע שחיטות און עטלעכע טויזנט יידן זיינען אומגעקומען אין די הענט פון די קאזאקן.

די קאזאקן האבן געלאזט לעבן בלויז שיינע יידישע מיידלעך. זיי האבן די מיידלעך געוואלט אפשמדן און מיט זיי חתונה האבן. אבער די מערסטע מיידלעך האבן בעסער געוואלט שטארבן, איידער זיך שמדן און חתונה האבן מיט קאזאקן. עס ווערט דערציילט, אז איין שיין יידיש מיידל האט איינגערעדט א קאזאק, אז זי איז א כישוף-מאכערין און אז קיין קויל פון א ביקס קען זי ניט טרעפן: דער קאזאק האט געוואלט זיך איבערצייגן, צי דאס איז אמת און האט אויסגעשאסן אויף איר. דאס מיידל איז געפאלן טויט.

הונדערטער יידישע קהילות האט כמעלניצקי חרוב געמאכט. די קאזאקן האבן אויף א גרויזאמען אופן אומגעבראכט צענדליקער טויזנטער יידן. אין א יידישער שריפט פון יענער צייט ווערט געשריבן: „מיר שעמען זיך צו דערציילן די גרויזאמקייטן פון די קאזאקן, כדי ניט צו פארשעמען דעם מין מענטש, וואס איז באשאפן געווארן אין גאטס געשטאלט".

די שחיטות פון די קאזאקן אונטער באגדאן כמעלניצקים

# יידישע געשיכטע העפטן

פירונג זיינען באקאנט אין דער יידישער געשיכטע מיטן נאמען: „גזירות ת"ח ות"ט", דאס מיינט די גזירות פון יארן 5408 און 5409 לויט דעם יידישן קאלענדאר (1648—1649).

8

## שבתי צבי

אין 17-טן יארהונדערט איז דאס לעבן פון די יידן אין טערקיי געווארן זייער שווער. אין יעדער פראווינץ האט געהערשט א פאשא, וואס האט געקענט טאן מיט דער באפעלקערונג וואס ער האט געוואלט. די פאשאס האבן ארויפגעלייגט אויף די יידן גרויסע אפצאלונגען און האבן איינגעמאנט דאס געלט דורך פארשיידענע מיטלען. זיי פלעגן ארעסטירן פארמעגלעכע יידן און האלטן זיי אין תפיסה, ביז די שטייערן זיינען באצאלט געווארן.

די מערסטע יידן אין טערקיי זיינען געווען ארעם. די אונטער־דריקונגען האבן געפירט צו דעם, אז א סך יידן האבן אנגעהויבן צו גלייבן, אז די נביאות וועגן משיחן מוזן אין גיכן דערפילט ווערן. יידן האבן געגלייבט, אז מיט פאסטן און תפילות קאן מען דערנענטערן דאס קומען פון משיחן. א סך נאכפאלגער פון דער קבלה (מקובלים) זיינען ארומגעפארן איבער דער וועלט און האבן פארשפרייט די לערע. און אט האט זיך געפינען א מענטש, וואס האט אליין געגלייבט און האט איינגערעדט אנדערע, אז ער איז משיח.

אין יאר 1626, אין טאג פון תשעה באב, איז אין דער טער־קישער שטאט סמירנא געבוירן געווארן א יינגל, שבתי צבי. ער איז אויסגעוואקסן זייער א שיינער און האט געהאט א זיסע קלינ־גענדיקע שטים. ער האט ליב געהאט צו פארברענגען זיין צייט אפגעזונדערט פון זיינע חברים. ער האט זיך שטארק פארטיפט אין די ספרים פון דער קבלה. גאנצע טעג האט ער געפאסט און סיי זומער, סיי ווינטער זיך געבאדן אין ים.

שבתי צבי האט אנגעהויבן ארומצואוואנדערן איבער פארשיי־דענע לענדער, וואו ער האט זיך פראקלאמירט פאר משיח.

# יידישע נעשיכטע העפטן

זיין נאמען איז אזוי באוואוסט געווארן, אז א סך יידן אין אייראפע, אזיע און אפריקע האבן אויספארקויפט זייערע פארמעגנס און האבן געווארט אויפן טאג, ווען שבתי צבי וועט ארויספירן די יידן פון גלות צוריק קיין ארץ ישראל. א סך סוחרים האבן פארלאזט זייערע געשעפטן, ארבעטער — זייער ארבעט. זיי האבן געפאסט, זיך געפייניקט און תפילה געטאן. שבתי צבים אנהענגער האבן נביאות געזאגט, אז ער וועט אינגיכן ארייגפארן קיין טערקיי, ארונטערנעמען די קרוין פון טערקישן סולטאן און אפנעמען ארץ ישראל פארן יידישן פאלק.

דער טערקישער סולטאן האט זיך וועגן דעם דערוואוסט, און ווען שבתי צבי איז צוריקגעקומען קיין טערקיי האט אים די טערקישע רעגירונג ארעסטירט און פארשפארט אין תפיסה. דאס האט נאך מער פארשטארקט דעם גלויבן אין אים. פון א סך לענדער זיינען אנגעקומען זיינע נאכפאלגער. זיי האבן געבראכט רייכע מתנות פאר זייער ליידנדיקן משיחן. זיי האבן אונטערגעקויפט די וועכטער פון תפיסה און שבתי צבי האט דארט געלעבט גיכער ווי א פרינץ, איידער ווי א געפאנגענער. ער האט פון תפיסה ארויסגעשיקט באפעלן צו זיינע נאכפאלגער. ער האט באפוילן אפצושאפן א סך יידישע מנהגים און דינים. דעם טרויער טאג פון תשעה באב האט ער געהייסן פארבייטן אויף א פריילעכן יום-טוב, ווייל אין דעם טאג איז געבוירן געווארן משיח, וואס וועט באלד צוריק אויפשטעלן דעם בית המקדש.

דער טערקישער סולטאן האט זיך דערוואוסט וועגן אלץ, וואס קומט פאר אין תפיסה. ער האט באפוילן צו ברענגען שבתי צבין צו זיך. ווען שבתי צבי איז פארמשפט געווארן צום טויט, ווי א פאררעטער, האט ער זיך געראטעוועט מיט דעם, וואס ער האט אנגענומען דעם מאכמעדאנישן גלויבן.

שבתי צבי האט איינגערעדט זיינע נאכפאלגער, אז ער האט דאס געטאן, כדי צו באקערן אלע מאכמעדאנער צום יידישן גלויבן. די נאכפאלגער זיינע האבן אים בלינד געגלייבט. א סך פון זיי האבן אפילו אליין אנגענומען דעם מאכמעדאנישן גלויבן.

די טערקישע רעגירונג האט ענדלעך געזען, אז שבתי צבי שפילט א צווייזייטיקע ראלע. ער איז פארשיקט געווארן אויף אן אינדזל, וואו ער האט פארענדיקט זיין לעבן אין איינזאמקייט.

## יידישע געשיכטע העפטן

אזוי האָט זיך געענדיקט די גרויסע משיח באַוועגונג, וואָס שבתי צבי האָט אָנגעהויבן. די יידן, וואָס האָבן געגלייבט אין אים, האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער איז געווען אַ פאַלשער משיח און זייער פאַרצווייפלונג איז געווען זייער גרויס.

## 9

## רבי ישׂראל בעל שם טוב

אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט האָט זיך צווישן די פּוילישע יידן אָנגעהויבן אַ גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג — חסידיזם. דער גרינדער פון דער נייער באַוועגונג איז געווען רבי ישׂראל בעל שם טוב — פאַרקירצט „בעש״ט״.

רבי ישׂראל בעל שם טוב איז געבוירן געוואָרן ביי אַן אָרעמער יידישער פאַמיליע. נאָך אין זיינע קינדער יאָרן איז ער געבליבן אַ יתום. די באַלעבאַטים פון זיין שטעטל האָבן אים אָפּגעגעבן אין אַ חדר. דער קליינער ישׂראל האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צום לערנען. ער איז אָפט געזעסן אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרטראַכטער. צייטנווייז איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן און מע פלעגט אים געפינען איינעם אַליין אין וואַלד, פאַרטיפט אין געדאַנקען.

ווען ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, איז ער געוואָרן אַ באַהעלפער. ער האָט געטראָגן די קליינע קינדער אויף זיינע פּליי־צעס אין חדר אריין און פון חדר אַהיים. ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם רבין, לערנענדיק די קינדער דעם אלף־בית. די קינדער האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין גוטסקייט און פאַר די שיינע מעשׂות, וואָס ער פלעגט זיי דערציילן.

שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שמש אין אַ שול. דאָ האָט מען באַמערקט, אַז ער פירט זיך אויף זייער מאָדנע. ביי טאָג איז ער געשלאָפן, און ביינאַכט, ווען קיינער איז ניט געווען אין שול, איז ער געזעסן און געלערנט. ער האָט זיך שטאַרק פאַרטיפט אין קבלה ספרים.

רבי ישׂראל האָט חתונה געהאַט און האָט געלעבט מיט זיין

# יידישע געשיכטע העפטן

ווייב אין א דארף. זיי האבן זיך דערנערט פון דעם, וואס ער האט געגראבן ליים און האט עס פארקויפט אין שטאט.

אין א צייט ארום האט רבי ישראל אנגעהויבן ארומצופארן איבער די יידישע שטעטלעך און היילן קראנקע מיט תפילות און מיט פארשיידענע גראזן. פאר זיין פראסטקייט און גוטסקייט האט מען אים גערופן „בעל שם טוב" — דער מאן מיטן גוטן נאמען. ער איז בארימט געווארן ווי א בעל-מופת, א מאן, וואס קען באווייזן וואונדער. ער איז געווארן דער ליבלינג פון פראסטע מענטשן.

ביסלעכווייז איז רבי ישראל בעל שם טוב געווארן א פאלקס-לערער. ער האט געלערנט, אז דער עיקר פון רעליגיע איז ניט גרויס געלערנטקייט, נאר הייסער גלויבן. א פראסטער ייד, וואס בעט גאט מיטן גאנצן הארצן, שטייט העכער ביי גאט פון דעם געלערנטן יידן, וואס פארברענגט זיינע יארן אין לערנען תלמוד.

דער בעל שם טוב האט געלערנט, אז א מענטש דארף שטענדיק אין זינען האבן, אז גאט איז אומעטום, אין יעדער זאך. גאט איז דער הערשער איבער אלץ אויף דער וועלט. גאט דארף מען דינען מיט הארץ. אנשטאט פאסטן, דארף מען דינען גאט מיט פרייד, מיט געזאנג און אפילו מיט טענץ.

די לערע פון רבי ישראל בעל שם טוב הייסט „חסידיזם" און זיינע אנהענגער האבן זיך גערופן „חסידים". רבי ישראל האט געהאט א סך נאכפאלגער צווישן פראסטן פאלק, צווישן באלמע-לאכעס און קרעמער. די חסידישע באוועגונג פון דעם בעל שם האט אריינגעבראכט אין זייער לעבן א סך פרייד, ווייל ביז איצט האבן זיי געגלייבט, אז נאר געלערנטע יידן זיינען גוטע יידן. מיט זיין לערע האט דער בעל שם דערהויבן די ארעמע מענטשן.

דער בעל שם האט זיך גערופן „צדיק" — גערעכטער מאן. ער האט געזאגט, אז יעדער חסיד קען ווערן א צדיק, אויב ער איז נאר זייער פרום.

נאך דעם בעל שמס טויט האבן זיינע תלמידים פארשפרייט דעם חסידיזם צווישן יידן אין פוילן און אין ליטע. עס האבן זיך געגרינדעט חסידישע שולן, וואו מען האט געדאוונט אויפן חסידישן שטייגער מיט ברען, מיט באגייסטערונג. די חסידים האבן פאר-בראכט זייער צייט אין שמחות און סעודות. עס האבן זיך פאר-שפרייט „צדיקים", און מענער און פרויען זיינען געקומען צום צדיק

נאָך עצות, אָדער בעטן אַ רפואה צו קראַנקהייט. דעם צדיקס שטול איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זון.

די רבנים אין ליטע האָבן אָנגעהויבן אַ שטאַרקן קאַמף קעגן חסידיזם. די קעגנער פון דער חסידישער באַוועגונג האָבן געהייסן „מתנגדים". די רבנים האָבן באַקעמפט דעם חסידיזם, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די באַוועגונג וועט אָפּשוואַכן דאָס לערנען ביי יידן.

אין שפּיץ פון די מתנגדים איז געשטאַנען דער באַרימטער „ווילנער גאון" — רבי אליהו. ער האָט פּאַנאַנדערגעשיקט אַ רוף צו אַנדערע רבנים, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן די חסידים און זייערע פירונגען. די רבנים האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מע זאָל זיך ניט חברן מיט די חסידים און מע זאָל קוקן אויף זיי ווי אויף מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן.

דער קאַמף צווישן די מתנגדים און די חסידים האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט און זיי זיינען פאַרבליבן פאַרביטערטע שונאים איינע די אַנדערע.

## 10

## יידן אין 17טן און אין 18טן יאָרהונדערט

אין די מייסטע לענדער פון אייראָפּע האָבן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן ניט אויפגעהערט אויך אין 17טן יאָרהונדערט. כמעט אומעטום האָבן יידן נאָך געלעבט אין די ענגע שמוציקע געטאָס. אומעטום האָט מען יידן אויסגעשלאָסן פון פּראָפעסיעס, פון אוני־ווערסיטעטן, און פון רעגירונגס־שטעלעס. מען האָט זיי דערלויבט זיך צו פאַרנעמען בלויז מיט לייַען געלט אויף פּראָצענט, מיט קליינהאַנדל, מיט האַנט־אַרבעט און האַנדלען מיט אַלטוואַרג.

יידן האָט מען באַהאַנדלט ווי דעם נידעריקסטן קלאַס מענטשן. זיי זיינען געווען פאַררעכנט פאַר „שוץ־יודן" — דאָס מיינט, אַז זיי זיינען געשטאַנען אונטערן שוץ פון קעניג אָדער פּריץ, און דער קעניג אָדער פּריץ האָט געקענט טאָן מיט זיי, וואָס ער האָט גע־וואָלט. דער ייד האָט געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער, וואו ער האָט געוואוינט, און צו יעדער צייט האָט מען אים געקענט אַראָפּ־

טרייבן פון זיין וואוין-אָרט. ווען אַ ייד האָט געוואָלט אַריבערפאָרן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, האָט ער געמוזט צאָלן אַ באַזונדערן „לייב-שטייער". די צאָל יידישע חתונות איז באַגרענעצט געוואָרן, כדי די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך ניט פאַרמערן.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין געטאָס. פון געטאָ האָט מען געמעגט אַרויסגיין אין דער קריסטלעכער טייל פון שטאָט נאָר אין באַשטימטע שטונדן פון טאָג. זונטיק און אין די קריסטלעכע יום-טובים האָט מען די געטאָ אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן נאָך פיר אַזייגער בייטאָג, כדי די יידן זאָלן ניט „פאַראומריינִיקן" די הייליקע טעג. אין די גאַסן האָבן יידן ניט געטאָרט גיין איבער די טראָטואַרן. גאַסן יינגלעך פלעגן נאָכלויפן די יידן און זיי באַוואַרפן מיט שטיינער און נאָכשרייען פאַרשיידענע מיאוסע באַליידיקונגען.

מענער און פרויען האָבן געמוזט טראָגן אַ שאַנד-צייכן אויף זייערע קליידער: די מענער — אַ געל היטל אויפן קאָפּ און די פרויען — אַ געלן דעקטוך, אָדער אַ שטיק געלע סחורה אַנגענייט אויף די קליידער — אַ געלע לאַטע. יעדן שבת נאָכן עסן האָבן די פּאָליציי-באַאַמטע געטריבן יידישע מענער, פרויען און קינדער אין די קירכן צו הערן דרשות (רעדעס) וועגן קריסטנטום. די פּאָליציי האָט שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז די יידן זאָלן ניט איינשלאָפן ביי די רעדעס און אַז זיי זאָלן זיך גוט צוהערן.

אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל זיינען נאָך פאַרבליבן אַ סך מאַראַנען, וואָס האָבן ניט געקענט אַנטלויפן. די אינקוויזיציע האָט ניט אויפגעהערט זיי צו פאַרפאָלגן. עס האָבן ווייטער געברענט די שרעקלעכע פייערן פון דער אינקוויזיציע. די יידן האָבן מיט מוט איבערגעטראָגן די מוראדיקע פייניקונגען און האָבן באַהאַלטענערהייט אָפּגעהיט דעם גלויבן פון זייערע עלטערן.

## 11

## משה מענדעלסאָן

אין יאָר 1729 איז אין אַ קליין שטעטל, דעסוי, אין דייטשלאַנד, געבוירן געוואָרן ביי אַן אָרעמען יידישן סופר אַ זון, משה. דער

# יידישע געשיכטע העפטן

יינגל איז באַשערט געווען אַריינצוברענגען אַ גרויסע ענדערונג אין דעם לעבן פון די דייטשישע יידן.

דאָס יינגל האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן חשק צום לערנען. פון זיצן שטענדיק איבער זיינע ביכער איז ער געוואָרן אָפּגעשוואַכט און זיין רוקן איז געוואָרן איינגעבויגן.

צו פערצן יאָר האָט זיך משה מענדעלסאָן אַוועקגעלאָזט צופוס פון דעסוי קיין בערלין. דאָרט האָט געלעבט זיין געוועזענער רבי, דוד פרענקל, און נאָר אַ דאַנק אים האָט משה באַקומען דאָס רעכט אַריינצוקומען קיין בערלין.

דער יונגער מענדעלסאָן האָט זיך גענומען צום לערנען. ער האָט געלעבט אין אַ קעלער-שטיבל און האָט אָפט געליטן הונגער. חוץ תלמוד האָט ער אויך געלערנט שפּראַכן און אין אַ קורצער צייט האָט ער שוין געקענט לייענען פילאָזאָפישע ווערק אין אָרי-גינאַל אין דער דייטשישער און לאַטיינישער שפּראַך.

משה מענדעלסאָן האָט ליב געהאַט אין זיין פרייער צייט צו שפּילן שאַך. ער האָט זיך דורך דעם באַקאַנט מיט דעם באַרימטן דייטשישן שרייבער, לעסינג, און האָט אָפט פאַרבראַכט מיט אים. די צוויי שאַך-שפּילער זיינען געוואָרן אייביקע פריינט.

לעסינג האָט צוגערעדט מענדעלסאָנען אָנצוהייבן שרייבן. מענדעלסאָן האָט אָנגעשריבן זיין ערשט בוך „פילאָזאָפישע גע-שפּרעכן" און האָט עס געגעבן לעסינגן איבערצוקוקן און אויסצו-בעסערן. לעסינג האָט אָן מענדעלסאָנס וויסן אָפּגעדרוקט דאָס בוך און האָט מיט דעם אים אַריינגעפירט אין דער דייטשישער ליטע-ראַרישער וועלט.

לעסינג האָט פאַרגעשטעלט מענדעלסאָנען פאַר די גרעסטע דייטשישע געלערנטע. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד ווי אַ גרויסן געלערנטן.

משה מענדעלסאָן האָט אויסגענוצט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די גרויסע געלערנטע צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן. ער האָט פאַראינטערעסירט זיינע קריסטלעכע פריינט, אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר די פאַרפאָלגטע יידן.

מיט זיין אייגענער אויפפירונג און מיט זיין פיינעם כאַראַק-טער האָט מענדעלסאָן אויך באַוויזן, אַז יידן קענען זיין פיין און איידל, און אַז זיי זיינען פונקט אַזעלכע מענטשן ווי אַנדערע.



משה מענדעלסאָן

(1786—1729)

# יידישע געשיכטע העפטן

מענדעלסאָן האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע אויפקלערונגס-באַוועגונג צווישן די דייטשישע יידן. ער האָט איבערגעזעצט די ביבל אויף אַ ריינער דייטשישער שפּראַך. די איבערזעצונג איז געדרוקט געוואָרן מיט יידישע אותיות. אַ סך יידישע יונגעלייט האָבן זיך דורך דעם אויסגעלערנט די דייטשישע שפּראַך און האָבן אָנגעהויבן לייענען די דייטשישע ליטעראַטור.

מענדעלסאָנס נאָכפאָלגער האָבן פאָרגעזעצט זיין אַרבעט. זיי האָבן אויפגעלעבט די העברעאישע שפּראַך און האָבן אַריינגעבראַכט וועלטלעך וויסן צווישן יידן. זיי האָבן געעפנט שולן פאַר יידישע קינדער, וואו מען האָט געלערנט שפּראַכן, גראַמאַטיק און תנ״ך.

די אויפקלערונגס-באַוועגונג, וואָס משה מענדעלסאָן האָט געשאַפן, ווערט גערופן „השכלה באַוועגונג״ (האַסקאָלע). די נאָכפאָלגער פון דער באַוועגונג האָבן זיך גערופן „משכילים״ (מאַסקילים).

די השכלה באַוועגונג האָט געהאַט אַ סך קעגנער צווישן יידן. די קעגנער האָבן מורא געהאַט, אַז וועלטלעך וויסן וועט אַוועקנעמען די יוגנט פון יידישקייט. די משכילים האָבן אָבער געגלייבט, אַז יידן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון זייער אָפּגעשלאָסנקייט און אַז וועלטלעך וויסן וועט זיי דערהייבן אין די אויגן פון דער קריסטלעכער וועלט.

נאָך מענדעלסאָנס טויט האָט די השכלה באַוועגונג געבראַכט טרויעריקע רעזולטאַטן. דער אידעאַל פון די משכילים איז געוואָרן צו זיין גלייך אין אַלץ מיט די קריסטן. משה מענדעלסאָן איז געווען זייער אַ פרומער ייד. ער האָט געפירט אַ יידיש הויז און האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ זון פון יידישן פאָלק. זיינע תלמידים אָבער האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט פון יידישקייט און שפּעטער זיינען זיי אינגאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן פאָלק. אייניקע האָבן זיך געשמדט. אַזוי איז געווען מיט דעם גרויסן פּאָעט היינריך היינע און מיט אַ סך אַנדערע. מענדעלסאָנס אייגענע קינדער האָבן אויך פאַרלאָזט זייער פאָלק און זיינען געוואָרן קריסטן. געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער אין דייטשלאַנד.

# יידישע געשיכטע העפטן

## 12

## די פראַנצויזישע רעוואָלוציע

אין יאָר 1789 איז פאָרגעקומען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ־לוציע. אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן די „דעקלעראַציע פאַר מענטשלעכע רעכט". די דעפּוטאַטן אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן געפאָדערט, אַז אַלע באַגרענעצונגען קעגן יידן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן און אַז יידן זאָלן קריגן גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער. עס האָט אָבער געדויערט נאָך צוויי יאָר, ביז די יידן אין פראַנקרייך האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג.

פון פראַנקרייך איז די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג איבערגע־גאַנגען אין אַנדערע לענדער. עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן די טויערן פון די געטאָס. אין איינִיקע ערטער זיינען סטאָליאַרעס מיט העק אין די הענט אַריין אין די געטאָס און האָבן אָנגעהויבן ברעכן די שענדלעכע ווענט. די געטאָ־יידן האָבן אָנגעטאָן יום־טוב קליידער. איינער דעם אַנדערן איז אויפן האַלדז געפאַלן. מען האָט זיך גע־קושט און זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב. יידן האָבן באַקומען גלייכע רעכט אין עסטרייך, אין איטאַליע און כמעט אין אַלע טיילן פון דייטשלאַנד.

אָבער אַזוי שנעל ווי די אַלע לענדער האָבן זיך באַפרייט פון פראַנקרייך נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה, האָבן זיך די רעגירונגען פון די לענדער גענומען צוריק איינפירן די אַלטע געזעצן פון מיטל־אַלטער קעגן יידן. עס זיינען ווידער באַנייט געוואָרן די אַלטע גזירות. אין דייטשלאַנד זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן. פון איינִיקע דייטשישע פּראָווינצן האָט מען די יידן אינגאַנצן אַרויסגעטריבן. אין אַנדערע האָט מען זיי ווידער איינגעשלאָסן אין די ענגע געטאָס און מען האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע שטייערן.

קעגן די נייע פאַרפאָלגונגען איז אָבער איצט אויפגעשטאַנען די יידישע אינטעליגענץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג, וואָס האָט געפאָדערט, אַז יידן זאָלן אָנערקענט ווערן פאַר גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין אַלע לענדער. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָבן יידן אין דייטשלאַנד באַקומען גלייכ־באַרעכטיקונג.

## יידישע געשיכטע העפטן

אין עסטרייך האָבן יידן אויך באַקומען גלייכע רעכט אין 19טן יאָרהונדערט. עס זיינען דאָרט אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַגרע־נעצונגען, וואָס האָבן געשטערט יידישע קינדער צו לערנען אין די רעגירונגס־שולן. יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט די פּראָפעסיעס פון דאָקטוירים, אינזשענערן און אַנדערע.

אין איטאַליע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די געטאָ, וואו יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט הונדערטער יאָרן. אין ענגלאַנד האָבן יידן באַקומען פולע פּאָליטישע פרייהייט.

נאָר אין צוויי לענדער איז די לאַגע פון יידן ניט געענדערט געוואָרן. די פיינטשאַפט צו יידן האָט דאָרט ניט אויפגעהערט. די צוויי לענדער זיינען געווען רוסלאַנד און רומעניע.

13

## יידן אין רוסלאַנד

אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט איז פּוילן צעטיילט געוואָרן צווישן דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד. די גרעסטע טייל פּוילישע יידן איז איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד. די רוסישע רעגירונג האָט געשאַפן פאַר אירע יידן שווערע געזעצן און באַגרענעצונגען.

ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרן צאַר אין רוסלאַנד, האָט ער באַשלאָסן אַריינצופירן די יידן אין רוסישן לעבן מיט גע־וואַלט. עס זיינע געעפנט געוואָרן שולן פאַר יידישע קינדער, וואו מען האָט געלערנט די רוסישע שפּראַך און קריסטלעכע תּפילות. יידישע עלטערן האָבן ניט געוואָלט שיקן זייערע קינדער אין די שולן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מע וועט די קינדער צוגרייטן צו שמד.

אונטער ניקאָלאַי דעם ערשטן איז געשאַפן געוואָרן די „קאַנ־טאָניסטן־גזירה”. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אָפּצוגעבן יידישע יונגעלייט צו מיליטער דינסט אויף פינף און צוואַנציק יאָר. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יידישע שטעט און שטעט־לעך צוצושטעלן אַ באַשטימטע צאָל סאָלדאַטן. אויב עס האָבן אויסגעפעלט יונגעלייט צו דער באַשטימטער צאָל, האָט מען גענו־מען קליינע יינגלעך. מען האָט די קליינע יינגלעך געכאַפּט, זיי אוועקגעריסן פון זייערע עלטערן און זיי פאַרשיקט אין די ווייטע

# יידישע געשיכטע העפטן

גובערניעס (שטאַטן) פון רוסלאַנד. דאָרט האָט מען די יינגלעך אָפּגעגעבן אין קריסטלעכע היימען. מען האָט די יינגלעך געפּייניקט און געצוואונגען צו שמד. ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם מיליטער עלטער, האָט מען זיי אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אויף פינף און צוואַנציק יאָר.

אין די שטעטלעך פלעגן אַראָפּקומען ספּעציעלע „כאַפּערס", וואָס פלעגן די יינגלעך כאַפּן. די געכאַפּטע יינגלעך האָט מען גערופן „קאַנטאָניסטן".

אַ גרויסע פאַרלייכטערונג איז געקומען פאַר די רוסישע יידן אין דער צייט פון דעם ליבעראַלן צאַר, אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ער האָט אָפּגעשאַפט די קאַנטאָניסטן גזירה. ער האָט אויך דערלויבט יידן צו וואוינען אין די שטעט, וואו זיי האָבן פריער ניט געטאָרט וואוינען. יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. יידישע קינדער זיינען געגאַנגען אין שולן. עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען רוסישע, העברעאישע און יידישע זשורנאַלן. עס האָבן אויפגעלעבט די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן.

אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע ווערק דער באַוואוסטער יידישער שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס איז בעסער באַקאַנט מיטן נאָמען „מענדעלע מוכר ספרים". ער ווערט גערופן: „דער זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער נאָך דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט זיך אין רוסלאַנד צוריקגעקערט די פינצטערניש. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע פאַרפאָלגונגען אויף יידן. פון אַ סך שטעט און דערפער האָט מען יידן אַרויסגעטריבן. מען האָט זיי דערלויבט צו וואוינען נאָר אין געוויסע געגנטן. די געגנטן, וואו יידן איז דערלויבט געווען צו וואוינען, האָבן געהייסן „תחום המושב".

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען אויף יידן. אַ סך יידישע שטעט זיינען חרוב געוואָרן. יידיש פאַרמעגן איז צעראַבירט געוואָרן. מאַסן יידן האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס.

נאָך שווערערע צייטן זיינען געקומען פאַר די רוסישע יידן, ווען דאָרט איז געוואָרן צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער. מען האָט ביי יידן צוגענומען זייערע פּרנסות. די צאָל יידישע קינדער אין די רוסישע שולן און אין די הויכשולן (גימנאַזיעס) איז באַגרענעצט



יהודה טורא

(1854—1775)

געוואָרן. אין די יאָרן 1903 און 1906 זיינען פאָרגעקומען שרעקלעכע פאָגראָמען אויף יידן נאָך מיט מער ווילדקייט, ווי אין די פריער־דיקע יאָרן.

טויזנטער יידן זיינען געלאָפן פון רוסלאַנד וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. אַ טייל איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, אַ טייל האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען אין דרום (סאַוט) און אין צפון (נאָרד) אַמעריקע.

## 13

## אַנטיסעמיטיזם

אויך אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע האָט זיך סוף 19טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַ נייע פיינטשאַפט צו יידן — אַנטי־סעמיטיזם.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד. מען האָט אָנגעהויבן צו באַשולדיקן יידן, אַז זיי געהערן צו אַ נידעריקער ראַסע, וואָס קען זיך ניט צונויפלעבן מיט די אַרומיקע „אַריער". אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָבן זיך אָרגאַניזירט אַנטיסעמי־טישע פּאַרטייען. מען האָט צוגענומען פון יידן זייערע רעכט. מען האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו קיין רעגירונגס־שטעלעס. יידן פון אַנדערע לענדער האָט מען ניט אַריינגעלאָזט אין לאַנד.

אין עסטרייך האָט מען באַנייט די אַלטע באַשולדיקונג, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח. אין אַ שטעטל, טיסא־עסלאַר, אין אונגאַרן, איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ קריסטלעך מיידל. די אַנטיסעמיטן האָבן איינגערעדט אַ קליין יידיש יינגל, אַ זון פון אַ שמש, אַז ער זאָל עדות זאָגן, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי זיין פאָטער און אַנדערע יידן האָבן דאָס מיידל געקוילעט. דער בלוט־בילבול האָט אין אַ סך שטעט פון עסטרייך אַרויסגערופן פּאָגראָמען אויף יידן. נאָך אַ לאַנגער אונטערזוכונג האָט דאָס געריכט באַפרייט די יידן פון דעם בילבול, אָבער די יידישע שונאים האָבן ניט אויפגעהערט צו העצן די קריסטן קעגן יידן.

אין פראַנקרייך האָבן די אַנטיסעמיטן באַשולדיקט אַ יידישן אָפיציר פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, אַז ער האָט פאַרקויפט

מיליטערישע סודות צו דייטשלאַנד. דער אָפיציר, אַלפרעד דרייפוס, איז פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנס־לענגלעכע געפענגעניש אויפן טייוולס אינדזל. דער פראַנצויזישער שרייבער, עמיל זאָלאַ און אַנדערע באַוואוסטע מענטשן האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דרייפוסן. זיי האָבן לאַנג געקעמפט ביז זיי איז געלונגען צו באַקומען פאַר אים אַ נייעם פּראָצעס. דרייפוס איז דערקלערט געוואָרן אומשולדיק און איז צוריק געוואָרן אַן אָפיציר נאָך מיט אַ גרעסערן ראַנג ווי פריער.

## 15

## די נייע וועלט

אין 1492 האָט קריסטאָפער קאָלומבוס אַנטדעקט די נייע וועלט — אַמעריקע. אויף קאָלומבוסעס שיפן האָבן זיך געפונען זעקס שפּאַנישע יידן אַנוסים (מאַראַנען). דער ערשטער מאַטראָז, וואָס האָט דערזען לאַנד, איז געווען אַ ייד, ראָדריגאָ דע טריאַנאַ. דער ערשטער ווייסער מענטש צו באַטרעטן די נייע ערד איז געווען דער ייד, לואיס דע־טאָרעס, אַ קענער פון שפּראַכן, וואָס קאָלומבוס האָט אים מיטגענומען פאַר אַן איבערזעצער. דער דאָקטער אויף קאָלומבוסעס שיף איז אויך געווען אַ ייד, אַ מאַראַן, באַרנעל.

יידן האָבן אינגיכן אָנגעהויבן פאָרן קיין אַמעריקע זוכן אַ נייע היים פאַר זיך, וואו זיי זאָלן קענען לעבן אָן מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. די ערשטע אימיגראַנטן זיינען געקומען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין בראַזיליע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו האָלאַנד.

אָבער אויך דאָ האָבן זיי ניט לאַנג געקענט לעבן רואיק. בראַזיליע איז איינגענומען געוואָרן פון פּאָרטוגאַל אין 1644 און די גלחים האָבן איינגעפירט די אינקוויזיציע. ווידער אַמאָל האָט מען געברענט יידן אויף די שייטערהויפנס. די יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין צפון אַמעריקע.

אַ קליינע גרופּע, 23 יידן, איז אָנגעקומען קיין ניי־אַמסטערדאַם, וואָס האָט געהערט צו האָלאַנד. דער גאָווערנאָר פון ניי־אַמסטערדאַם,

# יידישע געשיכטע העפטן

פעטער סטיוועסאַנט, האָט זיי זייער שלעכט באַהאַנדלט. ער האָט געשאַפן פאַר זיי באַגרענעצונגען, אָבער ענדלעך האָבן זיי געוואונען גלייכע רעכט מיט אַלעמען. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער ישוב אין צפון אַמעריקע.

אין 1664 איז ניי־אַמסטערדאַם איבערגעגאַנגען צו ענגלאַנד. דער נאָמען פון דער שטאָט איז געביטן געוואָרן אויף ניו יאָרק. די צאָל יידן איז פאַרגרעסערט געוואָרן.

אויך אין אַנדערע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס האָבן זיך באַזעצט יידישע אימיגראַנטן. עס זיינען אויסגעוואַקסן יידישע ישובים אין ניופּאָרט, אין פּענסילווייניע און אין סאַוואַנע, דזשאָרדזשיע. אין די אַלע קאָלאָניעס האָבן יידן זיך פאַרנומען מיט האַנדל. זיי האָבן געלעבט בשלום מיט זייערע קריסטלעכע שכנים. זיי האָבן פריי אָפּגעהיט זייער גלויבן און האָבן געהאַט אייגענע שולן און בית־עלמינס.

צווישן די יידן, וואָס זיינען באַוואוסט געוואָרן אין יענע קאָלאָניאַלע צייטן, איז ווערט צו דערמאָנען אהרן לאָפּעז, פון ניופּאָרט, וואָס האָט געגרינדעט אַן אַקאַדעמיע אין מאַסאַטשוזעטס. אין ניו אָרלעאַנס איז באַרימט געוואָרן דער גרויסער יידישער פילאַנטראָפּ, יהודה טוראָ. ער האָט געהאַט אַ ברייט הארץ, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן פון איין ראַסע און אַ צווייטער. ווען אים ווערט דערציילט, אַז זיינס אַ פריינד האָט אים איין מאָל פאַרגעוואָרפן זיין גוטסקייט צו נעגערישע שקלאַפן. טוראָ האָט אים אויף דעם געענטפערט: „עבדים היינו" — מיר זיינען אַליין געווען שקלאַפן ביי פרעהן אין מצרים.

אין ניופּאָרט, האָט מען נאָך טוראָן אַ נאָמען געגעבן אַ גאַס און אַ שטאָטישן פּאַרק.

אַלע יידישע קאָלאָניסטן האָבן ליב געהאַט זייער נייע היים. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה קעגן ענגלאַנד, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער גרויסע ליבשאַפט צו דעם נייעם לאַנד (1775).

16

# די מלחמה קעגן ענגלאַנד

אין דער מלחמה קעגן ענגלאַנד פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס האָבן יידן געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. אין טשאַרלסטאָן האָבן זיי צונויפגעשטעלט אַן אָפּטיילונג פון דער אַרמיי אינגאַנצן פון יידישע סאָלדאַטן.

צווישן די יידישע פּאַטריאָטן האָבן זיך אויסגעצייכנט פראַנסיס סאָלוואַדאָר פון סאַוט קאַראָליינע, מאַיאָר בענדזשאַמין נאָנעס פון פילאַדעלפיע און אסתר און דוד העיז פון ניו יאָרק. אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע זיינען פאַרשריבן די נעמען פון זיבן און צוואַנציק יידישע אָפיצירן פון יענער צייט, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט און איבערגעגעבנקייט.

מער פון אַלע פּאַטריאָטן פון יענער צייט איז באַוואוסט דער ייד, חיים סאָלאָמאָן. די ענגלענדער האָבן אים פאַרשפּאַרט אין תפיסה אין ניו יאָרק. אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון תפיסה קיין פילאַדעלפיע. ער האָט געהאָלפן דער אַמעריקאַנער רעגירונג פינאַנסירן די מלחמה מיט גרויסע סומעס געלט. שפּעטער האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן געוואָלט צוריקצאָלן דאָס געלט צו חיים סאָלאָמאָנס יורשים, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צוריקצונעמען. אין 1936 האָט מען אין שיקאַגאָ אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט פאַר דעם גרויסן פּאַטריאָט.

אוים דאַנקבאַרקייט צו יידן פאַר זייער הילף אין דער מלחמה קעגן ענגלאַנד האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געשריבן צו דער יידישער קהילה פון ניופּאָרט, ראָוד אײלאַנד:

„איך האָף און ווינטש, אַז די קינדער פון אברהמען, וואָס וואוינען אין דעם לאַנד, וועלן אויך אויף ווייטער פאַרדינען דעם גוטן ווילן פון זייערע שכנים, און אַז יעדער איינער פון זיי וועט קענען זיצן אין זיכערקייט אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגנבוים, אָן מורא פאַר קיינעם".

אויך אין דער מלחמה פון 1812 מיט ענגלאַנד האָבן זיך באַטייליקט אַ סך יידן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט קאָמאָדאָר אוריה לעווי. אַ דאַנק אים האָט מען אין דעם אַמעריקאַנער פלאָט



עמאַ לאַזאַרוס

(1889—1849)

## יידישע געשיכטע העפטן

אפגעשאפט קערפערלעכע שטראף. קאמאדאר לעווי איז געווען א הייסער פאטריאט און א פרומער ייד. ער האט קיינעם ניט געלאזט ווארפן קיין פלעק אויף יידן.

אן אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט אין אנהייב פון 19טן יאר־הונדערט איז געווען מרדכי עמנואל נח. ער האט א לאנגע צייט געטרוימט וועגן גרינדן א יידישע רעפובליק אין אמעריקע. ער האט אפגעקויפט דעם אינדזל „גרענד איילאנד" לעבן באפאלא און האט אים א נאמען געגעבן „אררט" — נאך דעם בארג, וואו עס האט זיך אפגעשטעלט נחס תיבה נאכן מבול. מרדכי עמנואל נח האט געשיקט א רוף צו יידן פון דער וועלט צו קומען זיך באזעצן אין דעם נייעם „ציון". פון דעם פראיעקט האט זיך אבער גארניט אויסגעלאזט. מרדכי עמנואל נח איז ביזן סוף פון זיין לעבן פאר־בליבן א הייסער פארטיידיקער פון יידישע רעכט.

17

## די פאראייניקטע שטאטן

די יידן האבן געמאכט אמעריקע פאר זייער היים און האבן א סך בייגעטראגן צו דער אנטוויקלונג פון דעם לאנד.

זיי האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פאטריאטיזם אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג. אויף ביידע זייטן האבן יידן גענומען א טיכטיקן אנטייל און האבן בראוו געקעמפט.

דער צווייטער גרויסער שטראם פון אימיגראציע איז געקומען פון דייטשלאנד. די אימיגראציע פון אשכנזישע יידן האט זיך אנגעהויבן אין 18־טן יארהונדערט און האט אנגעהאלטן ביזן סוף פון 19־טן יארהונדערט. די דייטשישע יידן האבן זיך באזעצט אין די דרום, מזרח און מערב שטאטן. אין 1818 זיינען אין אמעריקע געווען אינגאנצן, דריי טויזנט יידן. דרייסיק יאר שפעטער, אין 1848, איז די צאל שוין געווען פופציק טויזנט און נאך אין דרייסיק יאר ארום, אין 1878, האט די צאל יידן שוין דערגרייכט צו א פערטל מיליאן.

די אימיגראנטן האבן געעפנט זייערע אייגענע שולן. עס זיינען

# יידישע געשיכטע העפטן

געגרינדעט געוואָרן יידישע דרוקערייען. די דייטשישע אימיגראַנטן האָבן אויך גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער ליטעראַטור. צווישן אַנדערע איז באַרימט געוואָרן די דיכטערין, עמאַ לאַזאַרוס. זי האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אויף דער סטאַטוע פון פרייהייט אין דעם אַמעריקאַנער האַפן זיינען אויסגעקריצט אירע אומשטערבלעכע ווערטער, מיט וועלכע זי רופט אַלע אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע פון די אייראָפּעאישע לענדער צו קומען צו די ברעגן פון דעם פרייען לאַנד.

די אימיגראַנטן האָבן אויך געלאָזט הערן זייער שטים לטובת זייערע פאַרפאָלגטע יידישע ברידער אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די רוסישע יידן און האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין רומעניע.

דער דריטער שטראָם אימיגראַנטן איז געקומען מייסטנס פון רוסלאַנד. ער האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַכציקער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט, אין צייט פון די פּאָגראָמען (1881—1882). די צאָל יידן אין אַמעריקע אין צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז אויסגעוואַקסן צו דריי מיליאָן.

אין דערזעלבער צייט זיינען אויך אויסגעוואַקסן יידישע ישובים אין אַרגענטינע און אין קאַנאַדע. אין אַרגענטינע האָט דער יידישער פילאַנטראָפּ, באַראָן הירש, אָפּגעקויפט ביי דער רעגירונג גרויסע שטרעקעס לאַנד און האָט געגרינדעט גרויסע קאָלאָניעס פון יידישע ערד-אַרבעטער.

די רוסישע אימיגראַנטן איז געווען שווער זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען אין דעם נייעם לאַנד. זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים און האָבן געמוזט אָפּשפּאָרן פון זייערע פאַרדינסטן צו שיקן געלט אַהיים, אָדער אַריבערצוברענגען די פאַמיליעס קיין אַמעריקע. די אימיגראַנטן האָבן דערפאַר געמוזט אַרבעטן זייער שווער אין די „סוועט-שעפּער" אונטער שלעכטע באַדינגונגען. די פאַרדינסטן זיינען געווען קליינע. די אַרבעטס-שטונדן זיינען געווען לאַנגע, אָפט זעכצן און אַכצן שעה אַ טאָג.

אַ טייל אימיגראַנטן האָט זיך פאַרנומען מיט פּעדלעריי. דער פּעדלער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין קאָרב סחורה איבער די גאַסן און האָט אָפט אויך געוואַנדערט פון איין שטאָט אין דער

אַנדערער. ער האָט זיך געפּלאָגט און געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אים וועט געלינגען זיך צוצושלאָגן צו אַ בעסער געשעפט.

די מייסטע אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין די גרויסע שטעט: ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און באָסטאָן. זיי האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן. דאָ האָבן זיי געגרינדעט לאַנדסמאַנשאַפטן: פאַראיינען פון מענטשן פון איין שטאָט אָדער פון איין געגנט. זיי האָבן געהאַט זייערע שולן, חברות און אָרגאַניזאַציעס. מיט דער צייט האָבן די יידישע אַרבעטער געגרינדעט יוניאָנס צו באַשיצן זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אָרגאַניזאַציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף. די גרעסטע צווישן די אָרגאַניזאַציעס זיינען „דער אַרבעטער רינג" און „דער יידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד".

די רוסישע אימיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די יידישע שפּראַך. זיי האָבן גערעדט און געלייענט יידיש און עס האָבן דער-פאַר אָנגעהויבן צו וואַקסן יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. די גרעסטע צווישן זיי זיינען אין יענער צייט געווען „דער פאָרווערטס" און „דער טאַגעבלאַט".

עס האָט אויך אָנגעהויבן צו וואַקסן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. עס זיינען באַוואוסט געוואָרן די יידישע דיכטער: מאָריס ראָזענפעלד און אברהם ליעסין; די יידישע שרייבער: ז. ליבין און לעאָן קאָברין; דער שאַפער פון יידיש טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען; דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין און אַנדערע.

אין אָנהייב פון 20-טן יאָרהונדערט איז אָנגעקומען אַ פרישער שטראָם אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. זיי זיינען געשטאַנען קולטורעל אַ סך העכער פון די ערשטע אימיגראַנטן. די יידישע קולטור איז זיך אַ דאַנק דעם נייעם דור אימיגראַנטן נאָך מער צעוואַקסן אין אַמעריקע. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן מאָדערנע יידישע שולן צו דערציען יידישע קינדער: די שולן פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבע-טער פאַרבאַנד, די שלום עליכם פאָלק-שולן און די שולן פון אַרבע-טער רינג. עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען נייע יידישע צייטונ-גען און זשורנאַלן. די צאָל יידישע שרייבער און דיכטער איז אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן.

18

# צ י ו נ י ז ם

אין דערזעלביקער צייט, ווען עס האט זיך אנגעהויבן די גרויסע עמיגראציע פון רוסלאנד קיין אמעריקע, האט זיך פון דארט אויך אנגעהויבן א קלענערע עמיגראציע קיין ארץ ישראל. ווי אין די אלטע צייטן פון גלות בבל,האט זיך ווידער דערהערט די אלטע שבועה: „אויב איך וועל דיך פארגעסן, ירושלים, זאל מיין רעכטע האנט פארגעסן ווערן.״ גרופעס סטודענטן און אנדערע יונגע לייט האבן אויסגעוואנדערט פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל מיטן צוועק אויפצובויען דאס יידישע לאנד. זיי זיינען געווען באקאנט אונטערן נאמען „בילו״ — פארקירצט פון די ווערטער: „בית יעקב לכו ונלכה״ — הויז פון יעקב, לאמיר גיין. זיי זיינען געווען באגייסטערט פאר זייער אידעאל און האבן געארבעט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. זייערע דערגרייכונגען זיינען אבער ניט געווען קיין גרויסע, ווייל די טערקישע רעגירונג האט געשטערט די יידישע איינוואנדערונג.

די באוועגונג פאר א יידישער היים אין ארץ ישראל האט זיך ערשט אנטוויקלט שפעטער אונטער דער פירונג פון דאקטאר טעאדאר הערצל. ער איז געבוירן געווארן אין עסטרייך אין יאר 1860. יונגערהייט האט ער זיך זייער ווייניק אינטערעסירט מיט דעם לעבן פון יידן. אין צייט פון דעם דרייפוס פראצעס אין פראנקרייך האט א ווינער צייטונג געשיקט הערצלען קיין פאריז בייצוואוינען און צו באשרייבן דעם פראצעס. דער אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך האט דערוועקט אין דעם יונגן הערצלען א נייעם געדאנק. ער האט איינגעזען, אז פאר יידן איז ניט גענוג צו קריגן גלייכבארעכטיקונג אין די לענדער ,וואו זיי וואוינען. דער ייד ווערט אומעטום באטראכט ווי א פרעמדער. כדי יידן זאלן קענען אומגעשטערט אנטוויקלען זייער קולטור און לעבן ווי א פאלק, מוזן זיי האבן אן אייגן לאנד מיט אן אייגענער מלוכה.

דאקטאר טעאדאר הערצל איז געווארן דער פאטער פון דער באוועגונג, וואס הייסט „ציוניזם״. די באוועגונג האט גלייך געקראגן א סך אנהענגער. אין יאר 1897 איז פאררופן געווארן דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס אין באזעל, שווייצאריע. דאקטער הערצל

## יידישע נעשיכטע העפטן

האט מיט זיינע פייערדיקע רעדעס אנגעצונדן טויזנטער יידישע הערצער איבער דער גאנצער וועלט. ער האט געפירט פארהאנד־לונגען מיט דעם טערקישן סולטאן וועגן אפגעבן ארץ ישראל פאר יידישער קאלאניזאציע. פון די פארהאנדלונגען האט זיך אבער גארניט אויסגעלאזט.

נאך דאקטער הערצלס טויט האבן זיינע נאכפאלגער איבער־גענומען זיין ארבעט. די ציוניסטישע באוועגונג איז זיך צעוואקסן. פון איר האט זיך אויסגעטיילט אן אנדער באוועגונג: „די טערי־טאריאליסטישע”, וואס האט געהאלטן, אז חוץ ארץ ישראל דארפן יידן זוכן אנדערע טעריטאריעס, וואו זיי זאלן קענען פירן אן אייגן לעבן.

אין ארץ ישראל זיינען געשאפן געווארן קאלאניעס פון יידישע פיאנערן (חלוצים). אויף די אלטע זאמדן איז אויסגעוואקסן די יידישע שטאט תל־אביב. עס זיינען געגרינדעט געווארן ביבליא־טעקן. אין 1925 איז געעפנט געווארן דער בארימטער יידישער אוניווערסיטעט. זומפן זיינען אויסגעטריקנט געווארן, עס איז דורכ־געפירט געווארן א באוואסערונג פראיעקט. דאס יידישע לאנד איז נאך הונדערטער יאר געווארן פון א וויסטעניש א פרוכטבאר לאנד.

א סך שוועריקייטן זיינען געלעגן אין וועג פון די פיאנערן. די אראבער האבן ארגאניזירט פראטעסטן און אויפשטאנדן קעגן דער יידישער באפעלקערונג פון ארץ ישראל. פון צייט צו צייט זיינען פארגעקומען בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן יידן און אראבער.

נאכן ערשטן וועלט־קריג איז ארץ ישראל איבערגעגאנגען אונ־טער דער פארוואלטונג פון ענגלאנד. אנדערע רעגירונגען האבן צו־געשטימט צו געבן ענגלאנד דעם מאנדאט, דאס רעכט, צו רעגירן איבער ארץ ישראל.

אין יאר 1917 האט דער ענגלישער מיניסטער, לארד באלפור, ארויסגעגעבן אין נאמען פון דער ענגלישער רעגירונג א דעקלארא־ציע. אין דער דאזיקער דעקלאראציע, באקאנט אונטערן נאמען די „באלפור דעקלאראציע”, וואס איז געשיקט געווארן צום באוואוסטן ציוניסטישן פירער ד"ר חיים וויצמאן, ווערט געזאגט, אז ענגלאנד נעמט אויף זיך דורכצופירן א פלאן, אז ארץ ישראל זאל ווערן די נאציאנאלע היים פאר יידן.

די אראבער האבן אנגעהויבן באקעמפן דעם ציוניזם און די

## יידישע געשיכטע העפטן

יידישע שטרעבונגען. די ענגלישע רעגירונג האָט גיכער געוואָלט צופרידנשטעלן די אַראַבער, איידער די יידן, און האָט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די ווייטערדיקע איינוואַנדערונג פון יידן קיין ארץ ישראל. זי האָט געשאַפן „דאָס ווייסע פּאַפּיר", וואָס האָט אינגאַנצן פאַרשלאָסן די טויערן פון ארץ ישראל פאַר יידן.

אונטער די שווערסטע באַדינגונגען זענען דאָך יידן געקומען קיין ארץ ישראל. געבויט זייער לעבן און זיי האָבן געבראַכט דעם לאַנד אַ סך נוצן. זיי האָבן אויפגעלעבט די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור.

די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראַטור פון די „גלות לענדער". דער „זיידע", מענדעלע מוכר ספרים, האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט זיינע ווערק, אין וועלכע ער מאָלט דאָס יידישע לעבן פון 19-טן יאָרהונדערט. דער גרויסער יידישער הומאָריסט, שלום עליכם (שלום ראַבינאָוויטש), האָט געשריבן זיינע הומאָריסטישע דערציי-לונגען. עס איז אויפגעטראָטן יצחק לייבוש פּרץ מיט זיינע דער-ציילונגען פון דעם לעבן פון יידן אין פּוילן און מיט זיינע חסידישע און פאָלקסטימלעכע דערציילונגען. דער דיכטער שמעון פרוג האָט געשריבן זיינע שיינע לידער אויף רוסיש און אויף יידיש. צו דער צייט געהערט אויך דער גרעסטער דיכטער פון דער נייע העברע-אישער ליטעראַטור, חיים נחמן ביאַליק.

## 19

## סאָציאַלע באַוועגונגען

צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג איז צווישן יידן אויך געוואַקסן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אין 1897 איז פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע יידישע אַרבע-טער גרופּעס געשאַפן געוואָרן די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „בונד". דער בונד האָט אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע אַרבעטער אויף יידיש און האָט גע-קעמפט פאַר פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין אַלע לענדער, וואו זיי וואוינען.

## יידישע געשיכטע העפטן

פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פּאַרטיי האָט זיך אויך אויסגעטיילט די פּאַרטיי „פּועלי ציון", וואָס פאַרבינדט די אויפבויונג פון ארץ ישראל, ווי אַ יידיש לאַנד, מיט דעם סאָציאַליזם. פון דער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויסגעטיילט די אַרבעטער פּאַרטיי „ציוניסטן-סאָציאַליסטן", מער באַקאַנט אונטערן נאָמען ס"ס (עס"עס).

די רוסישע רעגירונג האָט שווער פאַרפאָלגט די סאָציאַליסטן און די ציוניסטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע פון פּאָגראָמען. אין יאָר 1903 זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אין קישינעוו, אין קיעוו, אין האָמל, און אין אַנדערע שטעט.

צען יאָר שפּעטער אין 1913, איז באַנייט געוואָרן דער „בלוט-בילבול". אַ ייד, מענדל ביילים, איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך יינגל, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אויף פּסח. דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם איבער דער גאַנצער וועלט. אַ סך געלערנטע פון אַנדערע לענדער זיינען געפאָרן קיין רוסלאַנד און האָבן באַוויזן די פאַלשקייט פון דער באַשולדיקונג. מענדל ביילים איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן און איז געקומען קיין אַמעריקע.

20

## די ערשטע וועלט-מלחמה

אין 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. די לאַגע פון יידן אין מזרח אייראָפּע איז געוואָרן זייער טראַגיש. די צאַרישע רעגירונג האָט געטריבן יידן פון די געגנטן, וואָס זיינען געווען נאָענט צום דייטשישן פראָנט. יידן זיינען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי ווילן העלפן דייטשלאַנד.

אין 1917 איז פאָרגעקומען די רוסישע רעוואָלוציע. דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרן. יידן האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג. עס איז זיי אָבער ניט באַשערט געווען צו לעבן רואיק.

אין אוקראַינע איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד קעגן דער

# יידישע געשיכטע העפטן

נייער סאָוויעטישער רעגירונג. מער פון אַלעמען האָבן געליטן די יידן. דער פירער פון דעם אויפשטאַנד, פּעטלורע, האָט אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון קאָזאַקישע באַנדעס שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף יידן. אין אַ גאַנצער ריי שטעט פון אוקראַינע האָט יידיש בלוט זיך געגאָסן טייכנווייז. אויך אַנדערע פירער פון אַרמייען האָבן געקעמפט קעגן דער סאָוויעטישער רעגירונג און האָבן פּאָגראָמירט יידישע שטעט און אַנגעמאַכט אַ חורבן אין אַ סך יידישע קהילות.

ענדלעך האָט די סאָוויעטישע מאַכט צעשלאָגן די אוקראַינער באַנדעס. אוקראַינע איז געוואָרן אַ טייל פון סאָוויעטישן רוסלאַנד. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דערקלערט אַנטיסעמיטיזם פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפט מיט טויט. די סאָוויעטן־רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט די געגנט פון בירא־בידזשאַן אין ווייטן מזרח פאַר אַ יידישער טעריטאָריע. בירא־בידזשאַן האָט געזאָלט ווערן אַן אויטאָנאָמער יידישער ישוב, אָבער דער פּלאַן איז נישט דורכגעפירט געוואָרן.

אין די ערשטע יאָרן, ווען די סאָוויעטישע רעגירונג האָט איבערגענומען די מאַכט, האָבן יידן פאַרנומען רעגירונגס שטעלעס, עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן יידישע שולן, וואו אַלצדינג איז געלערנט געוואָרן אויף יידיש. עס זיינען דערשינען יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

די דאָזיקע קולטור טעטיקייטן זיינען אָבער געוואָרן ווייניקער און ווייניקער, און אין די לעצטע יאָרן זיינען זיי אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס זיינען אויך אומגעבראַכט געוואָרן אַ גרויסע צאָל יידישע שרייבער, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט וויכטיקע ווערק.

היינט איז קיין יידישע קולטור טעטיקייט אין סאָוויעטן פאַרבאַנד נישטאָ. מיר ווייסן זייער ווייניק ווי אַזוי יידן לעבן דאָרטן איצטער. מען רעכנט אַז אין סאָוויעטן פאַרבאַנד און אין די לענדער וואָס געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון די סאָוויעטן לעבן איצטער איבער צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן.

## יידישע געשיכטע העפטן

## 21

# די צווייטע וועלט-מלחמה

עטלעכע יאָר נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז אין דייטש-לאַנד אויסגעוואַקסן אַ נייע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג — דער נאַציזם. דער פירער פון דער באַוועגונג איז געווען אַ געוועזענער עסטרייכישער סאָלדאַט — אַדאָלף היטלער.

די יידן זיינען געווען די ערשטע צו דערפילן די מאַכט פון נאַציזם. די וואָס האָבן זיך געקענט אַרויסראַטעווען, זיינען אַנט-לאָפן. די, וואָס זיינען געבליבן אין דייטשלאַנד, זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן אויפן שווידערלעכסטן אופן. די נאַציס האָבן אָרגאַניזירט פאָגראָמען אויף יידן. יידישע קראָמען זיינען באַיקאָטירט געוואָרן. מען האָט עפנטלעך געראַבירט יידיש פאַרמעגן און מען האָט פאַר-ברענט יידישע ביכער.

אין 1939, ווען די צווייטע וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט היטלער פאַרכאַפּט כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער. אין אַלע פאַרכאַפּטע לענדער האָבן די נאַציס אויסגעהרגעט צענדליקער טויזנטער יידן. אַנדערע צענדליקער טויזנטער האָט מען אַוועקגע-פירט אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און מען האָט זיי דאָרט דער-שטיקט מיט גיפטיקע גאַזן אין די נאַצישע גאַז-קאַמערן. דער-נאָך האָט מען זייערע קערפּערס פאַרברענט אין גרויסע אויוונס. אַ סך מענער, פרויען און קינדער האָט מען אָן רחמנות דערשאָסן. די נאַציס האָבן געצוואונגען יידן צו גראָבן זייערע אייגענע קברים און זיי האָבן זיי פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט.

אין וואַרשע האָבן געלעבט איבער דריי הונדערט טויזנט יידן. היטלער האָט אָנגעהויבן דורכצופירן זיין מערדערישן פּלאַן אומ-צוברענגען אַלע יידן. די נאַציס האָבן אַריבערגעפירט טויזנטער פּוילישע יידן אין קאָנצענטראַציע-לאַגערן. זיי האָבן אויפגעבויט אין די לאַגערן פון אושוויץ, טרעבלינקע, בוכנוואַלד און אַנדערע לאַגערן גאַז-קאַמערן און גרויסע אויוונס. טויזנטער און טויזנטער מענער, פרויען און יונגע קינדער האָבן די נאַציס דערשטיקט מיט גיפטיקע גאַזן און זייערע קערפּערס פאַרברענט אין די אויוונס.

אין דער וואַרשעווער געטאָ האָבן די דייטשן פאַרטריבן אַרום דריי הונדערט טויזנט יידן. זיי האָבן אַהין אויך אַריבערגעפירט

# יידישע געשיכטע העפטן

אַרום צוויי הונדערט טויזנט יידן פון עסטרייך. יעדן טאָג האָבן די נאַצים אַוועקגעפירט טויזנטער יידן פון געטאָ אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, צו די גאַז־קאַמערן.

ענדלעך האָבן די פּאַרטריבענע אין דער וואַרשעווער געטאָ באַשלאָסן גיכער צו שטאַרבן מיט כבוד, איידער זיך לאָזן אויסמאָרדן פון די נאַצים. זיי האָבן זיך באַוואָפנט מיט געווער, וואָס זיי האָבן געשאַפן. זיי האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט די נאַצים אין די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ. פון דעכער און קעלערס האָבן זיי געשאָסן אויף דעם שונא, און די דייטשן האָבן טייער באַצאָלט פאַר דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. דריי און פערציק טעג האָט אָנגעהאַלטן דער העלדישער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, ביז עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון ערב פסח, דעם 19־טן אַפּריל 1943. די נאַצים האָבן באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען צו ברעכן דעם אויפשטאַנד און אומצוברענגען אַלע יידן פון געטאָ.

שטאַרק באַוואָפנט האָבן די נאַצים זיך אַריינגעריסן אין דער געטאָ. זיי האָבן אונטערגעצונדן אין געביידע נאָך דער צווייטער, די יידן האָבן העלדיש געקעמפט קעגן שונא. די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען ביז, אין אַ הויז, איז געבליבן בלויז איין ייד. מיט דעם אויסרוף: „טויט צו די נאַצים! עס לעבט דאָס יידישע פאָלק!" האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיין לעצטן גראַנאַט צווישן די נאַצים, און איז אַרונטערגעשפּרונגען צום טויט.

דער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ סיגנאַל צו די געטאָס אין אַנדערע פּוילישע שטעט. אויך דאָרטן האָבן יידן אויפגעהויבן אויפשטאַנדן און אַרויסגעוויזן העלדישן מוט אין זייער קאַמף מיט היטלערס רוצחים.

דער טאָג פון 19־טן אַפּריל וועט אייביק לעבן אין זיכרון פון דעם יידישן פאָלק. יידן איבער דער גאַנצער וועלט וועלן דערמאָנען די הייליקע מאַרטירער, פון דער וואַרשעווער געטאָ, און פון די געטאָס אין אַנדערע שטעט, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אויף קידוש השם פאַרן כבוד פון דעם יידישן פאָלק.

זעקס מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען אין די הענט פון די נאַצים. איבער צוויי מיליאָן יידן האָבן פאַרלוירן זייערע היימען. טויזנטער קינדער זיינען געבליבן אָן עלטערן.

***

## יידישע נעשיכטע העפטן

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט אין מאַי 1945 מיט אַ פולשטענדיקן זיג פון די אַליאירטע פעלקער איבער נאַצי־דייטשלאַנד. דייטשלאַנד איז פאַרנומען געוואָרן פון די אַרמייען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און סאָוויעטן־רוסלאַנד. היטלער און אייניקע פון זיינע מיניסטאָרן זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַ סך אַנדערע פירערס פון די נאַציס זיינען אַרעסטירט געוואָרן און זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר די שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.

די לאַגע פון די לעבן־געבליבענע יידן איז געווען זייער אַ טראַגישע. אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און מיט טויט־שרעק פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג האָבן די אומגליקלעכע אַרויסגעקוקט אויף הילף. זיי האָבן געהאָפט, אַז פריינדלעכע פעלקער וועלן פאַר זיי עפענען די פאַרשלאָסענע טויערן און זיי אַריינלאָזן. זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז ענגלאַנד וועט אָפּשאַפן דאָס „ווייסע פּאַפּיר" און זיי וועלן געפינען אַ נייע היים אין ארץ ישראל. דאָרטן וועלן זיי פאַרגעסן די שוידערלעכע יסורים און פייניקונגען, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, און זיי וועלן געפינען אַ רואיק ווינקל פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס.

אָבער די האָפענונגען פון די אומגליקלעכע יידן זיינען נישט מקוים געוואָרן. דאָס ווייסע פּאַפּיר פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט שטאַרק באַגרענעצט יידישע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל איז פאַרבליבן אין קראַפט. ענגלישע קריגס־שיפן האָבן אָפּגעשטעלט אַלע שיפן וואָס האָבן געפירט עמיגראַנטן קיין ארץ ישראל, אַראָפּגענומען די יידישע עמיגראַנטן און זיי אַוועקגעפירט קיין ציפערן אין קאָנצענטראַציע לאַגערן.

22

## אַ חלום ווערט מקוים

צוויי יאָר נאָך היטלערס מפּלה, דעם 29טן נאָוועמבער 1947, האָבן די פאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט (יונייטעד ניישאָנס) אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין לעיק סוקסעס, ניו־יאָרק, באַשלאָסן צו צעטיילן ארץ־ישראל אויף צוויי מלוכות: אַ יידישע

און אן אראבישע. דריי און דרייסיק פעלקער האבן געשטימט פאר דעם באשלום, דרייצן זיינען געווען קעגן און עטלעכע פעלקער האבן זיך אין גאנצן צוריקגעהאלטן פון שטימען.

צווישן די דרייצן פעלקער, וואס האבן געשטימט קעגן דעם באשלום, זיינען געווען זיבן אראבישע מלוכות. זיי האבן געסטראשעט מיט בלוט-פארגיסונג, אויב דער באשלום וועט דורכגעפירט ווערן. אבער די פאראייניקטע פעלקער האבן דעם באשלום ניט געביטן. די ענגלישע רעגירונג האט דערקלערט, אז זי וועט אויפגעבן איר מאנדאט איבער ארץ-ישראל ניט שפעטער פון דעם 15טן מאי 1948.

יידן איבער דער גאנצער וועלט האבן זיך געפרייט מיט דעם באשלום. אבער זייער פרייד האט ניט לאנג געדויערט. עטלעכע טעג שפעטער האבן די אראבער אנגעהויבן אנצופאלן אויף יידישע קאלאניעס, שטעט און וועגן אין ארץ-ישראל. דער יידישער ישוב און די פרייוויליקע פארטיידיקונג-ארגאניזאציע „הגנה" האבן העלדיש געקעמפט קעגן די אראבער און האבן פארטיידיקט זייערע פאזיציעס.

אבער ניט געקוקט אויף די אלע שוועריקייטן און שטערונגען האט דער יידישער ישוב אין ארץ-ישראל זיך געגרייט צו דעם גרויסן היסטארישן טאג, ווען ער וועט קאנען דערקלערן ארץ-ישראל פאר א זעלבסטשטענדיק יידיש לאנד.

פרייטיק, דעם 14-טן מאי 1947, פינף טעג אין חודש אייר תש"ח, 10 אזייגער אין דער פרי, האט די ענגלישע מאכט פארלאזט ארץ-ישראל. מיט דעם האט זיך געענדיקט דער מאנדאט, און נאך אין דעם זעלביקן טאג, פיר אזייגער נאכמיטאג ערב שבת, האבן זיך אין דעם זאל פון דעם יידישן מוזיי אין תל-אביב פארזאמלט ארום פיר הונדערט יידישע פארשטייער. צווישן די פארזאמלטע זיינען געווען עלטערע איינוואוינער פון לאנד, ציוניסטישע טוער וואס האבן זיך באטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס מיט פופציק יאר צוריק, און א צאל אנדערע מענער און פרויען, וואס זיינען אנטלאפן פון די צארישע פאגראמען אין רוסלאנד. מיט א ציטערדיקער שטים האט דוד בן גוריון פארגעלייענט פאר די פארזאמלטע די דעקלאראציע פון אומאפהענגיקייט, און האט פראקלאמירט פאר דער וועלט די גרינדונג פון דער יידישער מלוכה, וואס וועט טראגן דעם נאמען „ישראל".

## יידישע געשיכטע העפטן

טרערן האָבן אָנגעפילט די אויגן פון די פאַרזאַמלטע. אַ סך פון זיי האָבן געוויינט אויפן קול. דאָס זיינען געווען טרערן פון פרייד, וואָס זיי האָבן דערלעבט די פאַרווירקלעכונג פון דעם לאַנג־יאָריקן יידישן חלום און פון הערצלס באַרימטער נבואה: „אויב איר וועט וועלן, וועט דאָס ניט זיין קיין חלום”!

די טויערן פון ישראל זיינען ברייט געעפנט געוואָרן פאַר אַלע יידן פון דער וועלט. די נייע רעגירונג האָט פייערלעך דערקלערט, אַז ישראל וועט געפירט ווערן אין איינקלאַנג מיט די פרינציפּן פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום, לויט די רייד פון די יידישע נביאים, אָן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר אָדער רעליגיע.

די גרינדונג פון דער יידישער מלוכה האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד ביי אַלע יידן פון דער וועלט. וואו נאָר יידן האָבן געלעבט, זיינען פאָרגעקומען גרויסע פייערלעכע פאַרזאַמלונגען. מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן און זיך געקושט. מען האָט באַגריסט די ניי־געבוירענע מלוכה און איר געוואונטשן גליק.

אין ישראל איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ צייטווייליקע רעגירונג. דוד בן גוריון איז באַשטימט געוואָרן פאַר צייטווייליקן פּרעמיער. דעם אייגענעם טאָג האָט הערי טרומאַן, דער פּרעזידענט פון אַמעריקע, אין נאָמען פון אַמעריקאַנער פאָלק, אָנערקענט אָפיציעל די יידישע מלוכה.

### 23

## די ערשטע פינף יאָר פון מדינת ישראל

נאָך אַכצן הונדערט אַכט און זיבעציק יאָר זינט דעם **צווייטן** חורבן (חורבן בית שני) האָט די זון אַ שיין געטאָן **אויף דעם** יידישן הימל. יידן האָבן צוריק געקראָגן דאָס לאַנד פון זייערע אָבות, דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל בענקעניש דערמאָנט יעדן טאָג אין זייערע תפילות, דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט מיט זייער שוויים און בלוט.

אָבער באַלד אויף מאָרגן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל איז די ליכטיקע זון פאַרדעקט געוואָרן מיט שוואַרצע וואָלקנס. די פינף שכנישע אַראַבישע מלוכות: עגיפּטן, איראַק,

# יידישע געשיכטע העפטן

סיריע, לבנון און עבר־הירדן האָבן מיט זייערע אַרמייען אַריבער־געטראָטן די גרענעצן פון ישראל, און האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף דער יונגער מדינה אַ נייע מלחמה.

דער גאַנצער יידישער ישוב פון ישראל, אַלט און יונג, מע־נער און פרויען, איז גיך מאָביליזירט געוואָרן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. די הגנה, וואָס איז ביז איצט געווען אַ פרייוויליקע שוץ־אָרגאַניזאַציע, איז געוואָרן די רעגולערע ישראל־אַרמיי. זי האָט געפירט די מלחמה מיט זעלטענער פעאיקייט און מסירת נפש. צו דער הגנה זיינען אויך צוגעשטאַנען, פרייוויליק, יונגע לייט פון אַנדערע לענדער. די אַראַבער האָבן באַלאַגערט די אַלטע שטאָט ירושלים און זי אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן פאַרבלאָקירט אַלע וועגן צו דער שטאָט און ניט צוגעלאָזט אַהין קיין שפייז און קיין וואַסער. די יידן פון ירושלים האָבן גע־ליטן הונגער און דורשט. אָבער די העלדישע הגנה האָט דורכ־געבראָכן נייע וועגן צו דער שטאָט און נאָך אַ לאַנגן ביטערן קאַמף האָט זי באַפרייט די שטאָט.

די מלחמה מיט די אַראַבער איז געווען אַ שווערע און האָט אָפּגעקאָסט אַ סך יונגע לעבנס. די יידישע כוחות זיינען געווען קליין אין פאַרגלייך מיט די כוחות פון די פינף אַראַבישע מלוכות. עס האָט געפעלט געווער און עראָפּלאַנען. די הגנה האָט געמוזט פירן די מלחמה אויף עטלעכע זייטן אין דער זעלביקער צייט. אָבער אין די הערצער פון די קעמפער איז גערונען דאָס בלוט פון די אַמאָליקע מאַקאַבייער. זיי איז געלונגען צו באַזיגן די שונאים און זיי צו פאַרטרייבן פון די גרענעצן פון ישראל.

מיט דער הילף פון דעם זיכערהייטס־ראַט פון די פאַראייניקטע פעלקער איז ענדלעך געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפן־שטילשטאַנד, און דער ישוב האָט געקאָנט פרייער אָפּאָטעמען. אָבער קיין שטענדי־קער שלום אָפּמאַך איז נאָך ביז איצט ניט דערגרייכט געוואָרן צווישן ישראל און זיינע אַראַבישע שכנים, און דאָס לאַנד מוז נאָך אַלץ שטיין אויף דער וואַך.

דעם 23טן יאַנואַר 1949 (כ״ד שבט תש״ט) זיינען אין ישראל פאָרגעקומען אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן. עס זיינען דער־ווילט געוואָרן הונדערט און צוואַנציק מיטגלידער פאַר דער ערשטער „כנסת״ (פאַרלאַמענט), די געזעצגעבערישע קערפּער־שאַפט פון ישראל. אויף איר ערשטער זיצונג האָט די כנסת דער־

# יידישע געשיכטע העפטן

ווילט דעם ערשטן נשיא (נאַסי, פּרעזידענט) פון מדינת ישראל, ד״ר חיים וויצמאַן, און די ערשטע מיניסטאָרן.

זינט דעם היסטאָרישן טאָג פון 29־טן נאָוועמבער 1947, ווען די פאַראייניקטע פעלקער פון דער וועלט האָבן צוגעשטימט צו שאַפן די יידישע מלוכה, האַלטן אין איין שטראָמען אהין יידן פון אַלע עקן וועלט. עס קומען יידן פון אַפריקע, פון תימן, איראַק, אויך פון רומעניע, בולגאַריע, טשעכאָסלאָוואַקיע און פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. איבער אַ מיליאָן יידן זיינען אריינגעקומען קיין ישראל אין די ערשטע פינף יאָר. עס ווערן געגרינדעט נייע קאָלאָניעס, עס קומען אויף נייע פאַבריקן, מען בויט נייע וועגן דורך די ביז־איצטיקע וויסטעניש, עס ווערן פאַרפלאַנצט נייע וועלדער אויף די ביז־איצטיקע זומפּן. עס עפענען זיך נייע שולן פאַר די קינדער פון די אריינגעקומענע יידן. די נייע מדינה לעבט דורך אַ סך שוועריקייטן. אָבער זי פאַרנעמט דעם אויבן־אָן צווישן די פעלקער פון נאָענטן מזרח מיט איר מאַטעריעלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. זי וואַקסט פון טאָג צו טאָג מיט דעם שנעלן גאַנג פון „קיבוץ גליות״ — פון דעם איינזאַמלען די יידן פון אַלע עקן וועלט. די יונגע מלוכה איז אַנערקענט פון דער מערהייט פון אַלע פעלקער. די פאַרשטייער פון ישראל ווערן אויפגענומען ווי גלייכע פון דער משפחה פון די פאַראייניקטע פעלקער. פון דעם מיטללענדישן ים ביזן ים־סוף, פון די שפּיצן פון בארג לבנון ביזן מדבר סיני שפּרייט זיך אויס די אומאָפּהענגיקע מדינת ישראל, וואָס לעבט, אַרבעט און וואַקסט.

זונטיק, דעם 9טן נאָוועמבער, 1952, כ״א חשון תשי״ג, איז דער ערשטער פּרעזידענט פון ישראל ד״ר חיים וויצמאַן געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט איז דערוויילט געוואָרן יצחק בן צבי, דער צווייטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל.

אַזוי ווי יוסף האָט אָנגעזאָגט זיינע ברידער אין מצרים אַז ווען גאָט וועט זיי אויסלייזן פון קנעכטשאַפט און וועט זיי פירן קיין ארץ ישראל, זאָלן זיי אויך מיטנעמען זיינע ביינער. אַזוי האָט אויך דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל אין זיין צוואה אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיינע ביינער אַריבערפירן קיין ארץ ישראל.

די יונגע יידישע מדינה האָט גוט געדענקט די צוואה פון דעם גרויסן פירער, דעם 17טן אויגוסט, 1949, כ״ב אָב תש״ט

## יידישע געשיכטע העפטן

האָט מען דעם אָרון מיט ד״ר הערצלען געבראַכט קיין ישראל, און אים מקבר געווען אויפן הר הערצל. דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען אָפּגעבן כבוד דעם גרויסן אומפאַרגעסלעכן יידישן פירער ד״ר טעאָדאָר הערצל.

24

## דאָס יידישע פאָלק לעבט ווייטער

אויף דער גאַנצער וועלט לעבן היינט־צו־טאָג אַרום עלף און אַ האַלב מיליאָן יידן. פינף און אַ האַלב מיליאָן געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע און נאָענט צו צוויי מיליאָן — אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן זיינען אין ישראל. די איבעריקע צוויי און אַ האַלב מליאָן יידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט.

די מוראדיקע איבערלעבונגען פון די יידן אין אייראָפּע אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָרן האָבן ניט געבראָכן זייער גייסט.

די יידישע געשיכטע שטעלט זיך ניט אָפּ. עם ישראל חי.



ד״ר טעאָדאָר (בנימין זאב) הערצל

(1904—1860)

# עקזאַמען-בויגן

I. פּאַס צו די נומערן פון לינקס צו די זאַצן פון רעכטס:

| | |
|---|---|
| ( ) באַפרייאונג פון שקלאַפעריי אין מצרים. | 1. נבוכדנצר. |
| ( ) גלות בבל. | 2. ניקאָלאַי דער ערשטער. |
| ( ) צווייטער חורבן. | 3. יהודה הלוי. |
| ( ) מדינת ישראל. | 4. משה רבנו. |
| ( ) חשמונאים. | 5. טיטוס. |
| ( ) גירוש שפּאַניע. | 6. חיים ווייצמאַן. |
| ( ) גאָלדענע עפּאָכע אין שפּאַניע. | 7. מתתיהו כוהן גדול. |
| ( ) השכלה באַוועגונג. | 8. באָגדאַן כמעלניצקי. |
| ( ) גזירות ת״ח ות״ט. | 9. דאָן יצחק אברבנאל. |
| ( ) קאַנטאָניסטן גזירה. | 10. משה מענדעלסאָן. |

II. דערגאַנץ די ווייטערדיקע זאַצן:

א) מנשה בן ישראל האָט געלעבט אין .................................. ער איז באַוואוסט מיט דעם, וואָס ער האָט ..................................................
.....................................................................................................................

ב) משה מענדעלסאָן האָט צווישן די יידן אין .......................... פאַר־שפּרייט דעם געדאַנק, אַז ...................................................................

ג) אנוסים אָדער מאַראַנען זיינען געווען יידן, וואָס ..........................
.....................................................................................................................

ד) דער בעל שם טוב האָט געלעבט אין ................ און איז געווען דער גרינדער פון .........................................................................

ה) קאַנטאָניסטן האָט מען גערופן ....................., וואָס ................
.....................................................................................................................

ו) אין די יאָרן 1881 און 1882 האָבן מאַסן יידן אָנגעהויבן אויס־צוואַנדערן פון ..................... קיין אַמעריקע, ווייל ..............
.....................................................................................................................

ז) די הגנה האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער מלחמה מיט ...... ................, ווען זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף .........................
.....................................................................................................................

..........................................................................................................

..........................................................................................................

..........................................................................................................

ח) רש״יס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט

..........................................................................................................

..........................................................................................................

ט) טעאָדאָר הערצל האָט געוואָלט ..........................................

..........................................................................................................

ער איז געווען דער גרינדער פון ..........................................

י) אין דעם קאַמף פון די קאָלאָניעס אין צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט חיים סאָלאָמאָן ..........................................

III. דערקלער מיט אַ זאַץ אָדער צוויי די באַדייטונג פון די פאָלגנדיקע ווערטער:

1. אינקוויזיציע ..........................................

..........................................................................................................

2. 19־טער אַפּריל ..........................................

..........................................................................................................

3. ה׳ אייר תש״ו ..........................................

..........................................................................................................

4. עלילת דם אָדער בלוט בילבול ..........................................

..........................................................................................................

5. געלע לאַטע ..........................................

..........................................................................................................

IV. שטעל אויס אין דער ריכטיקער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג:

( ) גאָלדענע עפּאָכע אין שפּאַניע.

( ) גרויסע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד.

( ) צווייטער חורבן.

( ) חסידישע באַוועגונג.

( ) חורבן היטלער.

( ) גירוש שפּאַניע.

( ) באַלפור דעקלאַראַציע.

( ) גרינדונג פון מדינת ישראל.

**א**

אשכנז (אַשקענאַז)
אשכנזים (אַשקענאַזים)
אליהו גאון (עלייאַהו גאַען)

**ב**

ברוך שפינאָזאַ (באַרעך שפינאָזאַ)
בעל שם טוב (באַל שעם טאַוו)
בעל מופת (באַל מויפעס)

**ג**

גירוש (גיירעש)
גזירות ת"ח ות"ט (גזיירעס טאַך וועטאַט)

**ד**

דוד ראובני (דאַוויד רעאָוווייני)

**ה**

השכלה (האַסקאַלע)

**ו**

וועד ארבע ארצות (וואַאַד אַרבאַ אַראַצעס)

**ח**

חסרונות (כיסרוינעס)
חרם (כיירעם)
חסידיזם (כאַסידיזם)
חלוצים (כאַלוצים)

**מ**

מנשה בן ישראל (מענאַשע בען ייסראַעל)
מעלות (מיילעס)
מקובלים (מעקובאַלים)
מתנגדים (מיסנאַגדים)

**ס**

ספרדים (ספאַרדים)

**ע**

עלילת דם (אַלילאַס דאַם)

**ק**

קבלה (קאַבאַלע)

**ש**

שלמה מולכו (שלוימע מאַלכע)
שבתי צבי (שאַבסע צווי)

**ת**

תחום המושב (טכום האַמוישעוו)

# קאַטאַלאָג פון קינדער ביכער

## פון

# פאַרלאַג „מתנות"

פאַרבלאָנדזשעט, פון יעקב קרעפּליאַק, אילוסט. — אהרן גודלמאַן — .30
מוראַשקעס, פון חיים גאָלדבלום, אילוסט. — אהרן גודלמאַן — — — .25
יינגעלע רינגעלע, פון לעאָן עלבע, אילוסט.—אהרן גודלמאַן. 3טע אויפל. 2.50
שמערל נאַר, פון שלמה סיימאָן, אילוסט. — א. גודלמאַן (3טע אויפל.) — 1.50
דאָס קלוגע שניידערל, פון ש. סיימאָן, אילוסט. — י. פרידלענדער
(2טע אויפלאַגע) — — — — — — — — — — — — — — — — 1.50
דאָס טעלערל פון הימל, פון אַלעף כץ, אילוסט. — יאָסל קאָטלער — .25
אַדאָס לידערבוך, פון אפרים אויערבאַך, אילוסט. — העניך גליצנשטיין 1.00
קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער, בוך 1, פון שלמה סיימאָן — — — 1.25
קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער, בוך 2, פון שלמה סיימאָן — — — 2.00
יהושע און שופטים, איבערגעזעצט, צוזאַמענגעשטעלט פון שלמה סיימאָן 1.50
טאָלי און טאָבי, פון י. מעצקער, אילוסט. — י. פרידלענדער — — — 1.50
ראָבערטס וועגטורעס, פון שלמה סיימאָן, אילוסט. — נ. קאָזלאָווסקי — 1.50
די דריי באַרימער, פון דוד ראָדין, אילוסט. — יצחק ליכטענשטיין — 1.50
וואונדער מעשות פון זשיאַן באַטיסטא באַסילע, באַאַרבעט אויף יידיש
פון יצחק האָראָוויץ — אילוסטרירט — — — — — — — — — — 1.25
געשיכטע העפטן. 3 ביכלעך פאַרן 1־טן, 2־טן און 3־טן לערניאָר
פון י. מ. גודלמאַן, 4־טע אויפלאַגע — צו — — — — — — — .40
חומש פאַר קינדער, לויט יהואש, פון שלמה סיימאָן (3טע אויפלאַגע) — 1.50
אַלעף אַוורעמל, פון דוד ראָדין, אילוסט. — ראָבערט סטיד — — — 1.00
מאָטל פייסי דעם חזנס, פון שלום עליכם, פאַרקירצט: י. זילבערבערג 2.00
קידוש השם, פון שלום אַש — — — — — — — — — — — — — — 2.00
געבונדענע יאָרגענג קינדער זשורנאַל, שיין און שטאַרק געבונדן
פער באַנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 2.50
דער אַנהייבער, לערנבוך, פון דוד ברידזשער, אילוסט.—נ. קאָזלאָווסקי
8טע אויפלאַגע — — — — — — — — — — — — — — — — 1.25
אַרבעטס־בוך צום אַנהייבער, דוד ברידזשער, אילוסט. מ. וויינער
4טע אויפלאַגע — — — — — — — — — — — — — — — — — .50

באַשטעלונגען ווערן פּינקטלעך און שנעל אַרויסגעשיקט.

אַדרעסירט :

Farlag Matones, 22 East 17th St., New York 3, N. Y.